הלל צייטלין

# געזאנגען

# צום אין-סוף

תרצ״א • ווארשא • 1931

הלל צייטלין

# געזאנגען צום אין-סוף

לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי
(לייב מיינס און הארץ מיינס
זינגען צום לעבעדיגען גאט)

תהלים פ״ד ג׳

1931 ווארשא תרצ״א

גצווידמעט דעם ליכטיגען אנדענק
פון מיין פאטער און מוטער,
מצאו מנוחה נכונה על כנפי
השכינה, אמן.

H. CEJTLIN:
GEZANGEN CUM EIN-SOF
Warszawa 1931.

Druk. „NOWOZETGRAF", Warszawa.
Pawia 44, tel. 643-86

# אינהאלט:

ביים טויער פונ'ם ספר. I
עס האט זיך אמאל צוזונגען די נשמה מיינע. 1
אחד. 3
צרופים. 5
שחרית. 7
דורך טרעהרען... 9
לבנה. 11
זון. 13
וועלט-ניגון. 15
„וואס רעדט די טיעפע מיטען-נאכט?" 18
מסתרים. 20
ציטער. 21
ווען וועט דיין קעניגרייך קומען? 22
זאל דער דונער א קלאפ טהון!... 23
פון שאול. 24
צום וואלד. 26
פון ס'ניי 30
קדושים. 32
טרעהרען-טויערן. 34
חצות. 36
טהרה. 37
רחמים. 40
ואם לא עכשו אימתי? 42
ממעקים. 45
ס'איז מיר זעהר טרויעריג... 47
מיר— די קינדער פון נגוה. 50

עבדים היינו 52
רוף צו די קלאָגערקעס. 54
קול שופר. 55
„גאָט אַליין דאַווענט". 56
מיר און דו–און מעהר קיינער נישט. 57
פון ערשטען פאָטער ביז'ן לעצטען גואל. 59
אויפ'ן שוועל פון זעקסטען טאָג. 63
איך לויף צו דיר. 67
דו, וואָס דו ביזט אַזוי ווייט און אַזוי נאָהנט... 69
צווישען פייערן. 71
חסד, חסד! 73
זאָג זשע נשמה מיינע. 75
דבקות. 77
טיעפסטער וואונש. 81
העלף אונז. 83
אַהין, אהין. 86
יהידים-תפלה. 88
בן-דוד. 90


## משיח-תפלות און שכינה-געזאַנגען.


אלי אלי. 93
פון ברענענדיגען וועהטאָג. 95
ווי אַ הינדין ביי וואַסער-שטראָמען. 97
אויף זיין אָנקומען. 98
וואָס איז פונ'ם אייביגען בוים געוואָרען... 99
ידיד נפש. 102
די מוטער. 103
„מאין יבא עזרי". 105


# ביים טויער פונ'ם ספר

... טהו אָב אַלע פאָרהאַנגען, וואָס פערשטעלען דיך פון אונז, פאָטער אין הימעל, און ראַטעווע אונז פון אַלע מכשולים און אַלע טעותים, פערלאָז אונז נישט, פערשעם אונז נישט, זיי מיט אונזער מויל ווען מיר זאָגען, מיט אונזערע הענד – ווען מיר טהוען און מיט אונזער האַרץ – ווען מיר דענקען. –

זיי אונז מזכה, פאָטער אין הימעל, דערבאַרימדיגער גאָט, אַז מיר זאָלן אַלע אונזערע מחשבות, דבורים און מעשים, אַלע אונזערע בעוועגונגען און געפיהלען, סיי די וואָס זענען אונז יאָ בעוואוסט, סיי די וואָס זענען אונז נישט בעוואוסט, סיי די אָפענע, סיי די געהיימע, פעראייניגען מיט דיר מיט אמת און מיט תמימות.

רייניג אונז מיט דיין ליבשאַפט און מיט דיין רחמנות און פלאַנץ איין דיין ליבשאַפט און דיין פורכט אין אונזער הארצען אָהן אויפהער אַזוי, אַז אין יעדען אָרט און צו יעדער צייט, ווען מיר שטעהן, ווען מיר געהן, ווען מיר זיצען, ווען מיר לייגען זיך, ווען מיר שטעהן אויף, שטענדיג, שטענדיג זאָל ברענען דיין רוח הקודש אין אונז –

זיי משפיע דיין רוח הקודש אויף אונז אַזוי, אַז מיר זאָלען שטענדיג זיין בעהעפט אָן דיר – מיר זאָלען אַלץ מעהר און מעהר גלוסטען צו דיר.

און פון מדרגה צו מדרגה זאָלסטו אונז אויפהויבען –

ביז מיר זאָלען צוקומען צו דער מעלה פון אונזערע הייליגע אבות : אברהם, יצחק, יעקב –

און זאָלסט זיך פרייען מיט אונז און זאָלסט זיך ריהמען מיט אונז, מיר זאָלען איינגעוואָרצעלט זיין – אונטען און פרוכט ברענגען – אין דער הויך.

(פונ׳ם רבי ר׳ אלימלך׳ס תפלה)

* *
*

... צו דיר טהו איך האָפען, אַז דו זאָלסט מיר ענטפערן און צו דיין נאָמען טהו איך מיך קערן, דאָס דיין הייליגער נאָמען זאָל גערופען זיין אויף מיר. מיין צלם אלקים זאָל לייכטען און זיין פורכט זאָל געוואָרפען זיין אויף אַלע די, וואָס ווילען מיר בייז טהון –

מיינע טרוימען זאָלען שטייגען אין דער הויך מיט דער קראַפט פון דער הייליגקייט, וואָס שטאַרקט זיך פון דער מרכבה עליונה – און דער זכות פון די דרייצעהן מדות, וואָס דו האָסט פערזיכערט דורך משה דיין קנעכט זאָלען מיר ביי-שטעהן –

עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר, גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערן, אַז דו זאָלסט מיר געבען לייטזעליג-קייט און דערפרייאונג און זאָלסט מיך בעגליקען אין אַלע מיינע ווערק און זאָלסט מיר געבען חן וחסד אין דיינע אויגען און אין מיינע רייד זאָלסטו געבען ליטערקייט און שענהייט און גנאָד און אַלץ וואָס איך פערלאַנג זאָלסטו מיך באַוועהרען צום גוטען.

(פון אַן׳אַלט יודיש געבעט מיט איניגע ענדערונגען)

* *
*

אין דעם, וואָס איינער שמועסט זיך ערנסט דורך מיט׳ן אויבערשטען, איז דאָ רוח הקודש. דוד המלך, עליו השלום,



וואָס זיין מעלה איז זעהר גרויס געווען, האָט פון דעם געמאַכט דעם תהלים, און אויך יעדער מענש קומט אַזוי אַרום, נאָך זיין בחינה נאָך, צו זיין רוח הקודש.

אַלע זאַכען, וואָס דאָס האַרץ זאָגט, זענען ממש די רייד פון השם יתברך, נאָר זוכה זיין צו דעם קאָן מען נור דורך דער ריינקייט פון האַרצען, און דאָס האַרץ קאָן אַנדערש נישט ריין זיין ווי נור דורך דעם, וואָס עס ברענט אין ליעבע צו השם יתברך.

(ליקוטי מוהר״ן אין דער תורה אויפ׳ן פסוק : „לב טהור ברא לי ד׳״)

* *
*

איך בעט פון דיר, קוואַל פון מיין לעבען, אַז אין מיינע געזאַנגען זאָל זיך שפּירען די פרייד פונם ליכטיגען פריהמאָר-גען, די ערשטע שטראַהלען פון דער זון, דער צוויץ פונ׳ם פויגל, דער ריח פון פעלד, די ווילדקייט פונם וואַלד, דער שטורם און די שטילקייט נאָכ׳ן שטורם, דער שפּיגעל פון ים און די טיעפקייט פון ים, דאָס געלעכטער פון אַ קינד און זיין טרעהר, די קראַפט פונ׳ם גלויבען און די צובראָכענקייט פון „תפלה לעני כי יעטוף״.

* *
*

דאָס געזאַנגען-בוך, וואָס איך גיב דיר דאָ, שטרעבט צו זיין דיין עכטסטער און איניגסטער פריינד, דער, וואָס וועה-טאָגט מיט דיר און פרייט זיך מיט דיר ; דער, וואָס איז „תנים לבכות ענותך״ און „כנור לשיריך״ ; דער, וואָס שטראָפט דיך (ווען דער זינגער שטראָפט זיך זעלבסט...) און טרייסט דיך און בערוהיגט דיך.

די „געזאַנגען״ זענען געשריבן איניגע איןריימען און

על פי רוב אָהן ריימען. ס'איז אָבער אין זיי דאָ אַ בעזונדער ריטם. אַ בעזונדער קלאַנג און אַ בעזונדער טאָן, וואָס שאַפט פון געדאַנקען און בילדער – געזאַנג.

די „געזאַנגען" זענען פון מיר געשריבען געוואָרען אין פערשיעדענע צייטען און ביי פערשיעדענע אומשטענדען, איבער-הויפט, ווען שוואַרצע כמאַרעס זענען געהאָנגען איבער מיין פאָלק און מיין בליק האָט דורך אָט די שוואַרצע כמאַרעס געוואָלט זעהן דעם ליכטיגען הימעל.

ס'איז נישטאָ אין מיינע „געזאַנגען" קיין איין זאַך, וואָס איז געשריבען געוואָרען סתם „אַזוי זיך", נאָר יעדע זאַך דאָ איז שטאַרק איבערגעוועהטאָגט געוואָרען און פון גאַנצען האַרצען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פאַר'ן – „עקהא ושרשא דכולא עלמין".

## עס האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע...

ווי דער אויבערפלאַך פון ים, ווען די זון צושפּיגעלט זיך אין איהם –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי דער פויגעל, פעלות, ווען ער פערנעהמט צוערשט גאָט'ס שטים –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי דאָס ניי-געבוירענע קינד, ווען זיין אויג דערשפּירט דעם זונען-שטראַהל –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי דוד'ס פידעל, ווען דער צפון ווינט ריהרט איהם אָן אין האַלבע נאַכט –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי די טויערן פון היכל, ווען זיי ווערען אויפגעעפענט פאַר'ן מלך-הכבוד
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי די דורשטיגע ערד, ווען הימעל-רעגען טרינקט זי אָן –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי באַרג און טייך, וואַלד און פעלד, ווען גאָט'ס טריט דערנעהנטערען זיך –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.
ווי די מאורות, ווען זיי געהען אויף און פערגעהען –
אַזוי האָט זיך אַמאָל צוזונגען די נשמה מיינע.

ווי די פריה-מאָרגען-שטערען, ווען זיי צעזינגען זיך צו־זאַמען —
אַזוי האָט זיך אַמאָל צעזונגען די נשמה מיינע.
ווי דער ערשטער פריה-מאָרגען פון די שאַפונג ס-טעג —
אַזוי האָט זיך אַמאָל צעזונגען די נשמה מיינע.



# א ח ד

„פריי אין גאָט׳ס פעלד״.

עס דאַווענט זאַנג און בוים און איך דאַווען אויך מיט זיי.

דער הימעל-געוועלב איז אונזער היכל.

דער הויכער בוים אין פעלד, וואָס בויגט זיין קאָפ פאַר גאָט ברוך הוא — אונזער חזן.

די פויגעלעך, וואָס פליהען פון צווייג צו צווייג און מאַכען פרייען הימעל און ערד מיט זייער צוויטשעריי, — אונזערע משוררים.

די נידעריגע בוימער האַרט ביים בערגעל, וואָס שאָקלען זיך פרום-שטיל; די זאַנגען, וואָס די זון קושט זיי און א לייכט ווינטעל בעוועגט זיי, — אונזער קהל.

די יונגסטע גרעזעלעך, וואָס שטעקען אַרויס זייערע קעפּ־לעך פון זייער מוטער-ערד אין פרייען הימעל אַריין, — גאָט׳ס קינדערלעך, וואָס ענטפערען: „אמן״, „אמן״...

גראָז צו גראָז שיקט שטאָפּעטען. דער לעצטער שטאַפּעט קומט אָן צו מיר...

בוים צו בוים זאָגט דאָס וואָרט. דאָס לעצטע וואָרט קומט אָן צו מיר...

זאַנג צו זאַנג גיעט איבער דעם סוד —

דעם סוד פון מיין נשמה, דעם סוד פון אַלע נשמות — אחד!

ער איז אַחד און זיין נאָמען איז אֶחד און אַלץ, וואָס טײלט און צוטײלט, שײדט, בײט, ענדערט, שאַפט אָבגעזונ־דערטקײט, פײנדשאַפט און פרעמדקײט איז נור — שײן אין מיראַזש...

ער איז — אֶחד. מיר אַלע אינאײנעם װערען — אֶחד. „אחד בְּאֶחד״...

און אײנס איז אונזער אַלעמענס אינװעניגסטער בעגעהר: „גיעב פרידען, גוטס, ברכה, לעבען, גנאַד און רחמים״.



# צֵרוּפִים

דו ביזט, מיין גאָט, אחד און דיין נאָמען איז אחד. פון דיין איין און אײנציגען נאָמען קומען אָבער אַרויס צֵרוּפֵי־שֵמות אָהן אַ שִעוּר.

נישט נאָר די ת וֹ ר ה דײנגע, נאָר אויך די װ ע ל ט דײנגע איז נאָר שֵמוֹת, צרופים און צֵרוּפֵי־צרופים פון דיין אײנציגען גרויסען, הײליגען נאָמען.

אַלע שמוֹת קומען פון דיר און אַלע שמות קעהרען זיך אום צוריק צו דיר — אחד, יחיד ומיוחד!

אַלע טײכען קומען פון ים און געהען צום ים און אַלע לעבענ׳ס קומען פון דיר און געהען צו דיר — אחד, יחיד ומיוחד!

דו ביזט אײנער אין דיין אײנציגקײט און דו ביזט אײ־נער אויך אין דעם אונענדליכען ים פון ספערען, גײסטער, װעלטען, געשטאַלטען, פאַרבען, קלאַנגען.

נישט נאָר אין יעדען טאָג בענײסטו דײנע מעשי־בראשית, נאָר אויך אין יעדער שעה און אין יעדען אויגען־בליק.

און אין יעדען יאָהר אַ בעזונדערער צֵרוּף —
אין יעדע יאָהר־תקופה — אַ בעזונדערער צֵרוּף —
אין יעדען חודש — אַ בעזונדערער צרוף —
און אין אַלע טעג, אַלע שעות און אַלע אויגענבליקען — בעזונדערע צֵרוּפים און צרופי־צֵרוּפים.

„די קלײדער, װאָס דו טהוסט אָן אין פריה־מאָרגען טהוסטו נישט אָן אין אָװענד״.

די קליידער, וואָס די טהוסט אָן אין איין אויגענבליק טהוסטו נישט אָן אין צווייטען אויגענבליק.

עס שיינט אַרויס די זון און עס זינקט די זון — אין יעדען טאָג אָבער אַ נייע שענקייט פון אַרויסשיינען און אַ נייע שענקייט פון זינקען.

עס שטעהט אויף די זון און פערגיסט מיט איהר ליכט באַרג און טאָל, דרינגט אַריין אין יעדע שפּאַלט, אין יעדע פינסטערע בעהעלטעניש, — גבורה שבתפארת!

מאוים׳דיגע שאָטענס ווילען פערשטעלען דאָס ליכט; דאָס ליכט צוזאָגט די שאָטענס — גבורה שבהוד!

ליכט מיט שאָטען ווערט פעראייניגט אין שענסטער האַר־מאָניע, — תפארת שבתפארת!

ערב שקיעה. עס רויטלען זיך די זוימען פון הימעל — חסד שבהוד!

עס ברענען די ברעגען פון הימעל, — גבורה שבהוד!

עס בייטען זיך יעדע רגע די פאַרבען פון דער זריחה און די פאַרבען פון דער שקיעה, — אַלץ אַנדערע צרופים און צרופי־צרופים — ספירות.

ס׳ברויזט דער ים און ס׳איז שטיל דער ים, — אין יע־דען טאָג אָבער נייע קלאַנגען פונ׳ם ברויזען, נייער גערויש און נייע טיעפקייט פון שטילקייט.

עס זינגען אַלע טאָג די פויגעלעך, — אין יעדען טאָג זינגען זיי אָבער אַ נייע שירה.

עס זינגען צו דיר אַלע טאָג די מלאכים אין הימעל — אַלע טאָג אָבער נייע מלאכים, אַלע טאָג — נייע זמירות.

עס זינגען צו דיר די מענשען. זייער ווערטער־געזאַנג ווידערהאַלט זיך; זייער נשמה־געזאַנג אָבער — אַלץ נייע און נייע פערלען אין דיין כתר.

„ובכן לך הכל יכתירו“ —

פון דיר, דעם איינעם, קומט די אונענדליכע שפע פון פילהייט און די פילהייט קומט צוריק צו דיר — אחד, יחיד ומיוחד!



# שחרית

„איך האָב ליעב צו דאַווענען זעהר פריה, איידער די וועלט ווערט פול מיט נאַרישקייט און טומאה“.*)

וואויל איז צו דיר, מענש, ווען דו קאָנסט אויפשטעהן זעהר פריה, לויפען צום קוואַל, וואַשען זיך און זאָגען מיט׳ן גאַנצען אמת: „אלהי, נשמה שנתת בי טהורה היא“.

קוואַל מורמעלט דיר דערביי: טהור! טהור!
טייבעלע וואָרקעט: טהור! טהור!
בלעטער פון די בוימער פליסטערן: טהור! טהור!
פרייער ווינד לאָזט הערען: טהור! טהור!

אַ רויז וואַשט זיך אין מאָרגען־טהוי און ווערט ריין.
דער ווייסער שוואַן געהט טבילה אין טייך.

די פריה־מאָרגען־זון שפּיגעלט זיך אין טייכעל און אין דיין נשמה און אין דיין האַרצען:
קינדהייט. אויפגאַנג. „יהי אור“.
און פון טהרה — צו קדושה.

די טייבעלע ווערט — כנסת ישראל, וואָס שטרעקט אויס איהר האַלז אומצוקומען אויף קדוש השם.

דער קוואַל — די הייליגע אצילות, די אונאויפהערליכע שפע פון גאָטס חסד.

דער ווינד — גייסט. לעבען. „רוח אלקים חיים“.

---

*) רבי פנחס קאָריצער.

הי רויז — די תפארת אָנגעטהון אין לבוש פון געטליכער מלכות.

און אַלץ דערצעהלט דיר וועגען דעם כבוד פון גאָט און זיין הייליגקייט: שטראַל פון זון, פליה פונ׳ם אָדלער, נאַכטיגאַל אויפ׳ן צווייג, בעכער פון דער בלום, שטענגעל פונ׳ם זאַנג, פערל-טראָפּען אויפ׳ן בלעטעל.

און שרפים און חיות און אופנים זאָגען: קדוש! קדוש! קדוש!

און דער וואַלד טהוט זיך אויך אָן אין זיין הייליגען טראַכט און ענטפערט — קדוש! קדוש! קדוש!



## דורך טרעהרען...

שעהן איז די כלה-בריאה אין איהר מילדקייט; וואונדער-שעהן איז זי אָבער, ווען זי געהט איהר ברוגז-טאַנץ...

זי טהוט דאַן אָן איהרע צויבער-קליידער: וואָלקען און נעבעל; דונער און בליץ, ווינט און שטורעם, אויסגוס און פערפּלייצעניש...

אָט פערבלענדעט זי דיך מיט איהר ווייסער שענהייט און אָט פאַנגט זי דיין האַרץ מיט איהר שוואַרצען חן.

אָט ווערט זי שוואַרץ ווי די פליגלען פונ׳ם ראָב און אָט ווערט זי שוואַרץ ווי די פליגלען פונ׳ם טויט...

און וואָס שוואַרצער זי ווערט — אַלץ שטאַרקער ווערט איהר צויבער-פּראַכט —

און וואָס בייז-צאָרניגער זי ווערט — אַלץ שטאַרקער ווערט דיין ליבע צו איהר.

נאָר אָט געהט איבער איהר ברוגז-טאַנץ אין טרויער-טאַנץ און זי צווויינט זיך ווי אַנ׳עלענדע יתומה...

צווויינט זי זיך און פערגיסט מיט איהרע טרעהרען טייך און קוואַל, פעלד און גאָרטען, באַרג און טהאָל.

צווויינט זי זיך נאָכמעהר און טרינקט אָן מיט איהרע טרעהרען יעדען בייט, יעדען גראָז, אַלץ וואָס בליהט און וואַקסט, אַלץ וואָס לעכצט אין דורשט; פערפלייצט דעם באָדען און פילט אָן גרוב און גראָבען.

און די טרעהרען איהרע ווערען פערוואַנדעלט אין קרוין

פערלען אויף יעדען שטענגעלע, אויף יעדען בעכער, אויף יעדען צווייגעל, אויף יעדען פליגעל —

און אַט צולאַכט זי זיך פלוצלינג:

זי האָט דערזעהן איהר האָר מיט זיין רעגען־בויגען!...



# לבנה.

דו ביזט מקדש, מענש, די לבנה, ווען זי שווימט פאַר דיר מלכות׳דיג פריי —

דו זעהסט זי, מענש, אין איהר פולער פראַכט און ביזט זי מקדש אין די אויגען פון צעהנטויזענדער שטערען, וועלכע זענען אַלע עדי־קדושין.

פערהאַן אָבער אַן׳אַנדער קדוש־לבנה —

דו דערזעהסט די לבנה דורך געדיכטע צווייגהאָפטע בוימער —

דו דערזעהסט איהר שעהן־בלייכען פנים דורכן לייכטען שלייער, וואָס פערדעקט זי —

דו זעהסט זי ווי זי טרעט אויף שטיל־צניעות׳דיג, לאַנג־זאַם־בעדאַכט, ליידענד־פערטראַכט —

זי טרעט דאַן אויף פול געדאַנקען — אייביגקייטס־געדאַנקען, אין־סוף־געדאַנקען.

זי טרעט דאַן אַרויס, פול צער אויף דעם וועהטאָג פון דער וועלט, אויף דעם אונגליק און פינסטערקייט פון אונז, ערד־בעוואוינער.

עס קומט דאַן אויך אַרויף פאַר איהר די ערא־ינערונג פון אַלע ליעבענדע און געליבטע, וואָס האָבען פאַר איהר ליכט געטרוימט־אַרומגעגאַנגען, טרייהייט געשוואוירען, געזעגענט זיך, געוויינט, בעדויערט פערלוירענע גליקען — און איהר געזיכט ווערט שטאַרק פערכמאַרעט —

נור אָט פערשווינדעט אַמאָל די כמאַרע און זי ווערט קינדיש-פרעהליך, לייכטזיניג-שטיפעריש —

הויבט זי דאַן אָן שנעל צו שווימען אין די הויכע הימלען, פערגיסענדיג פרייד און לעבען אַרום און אַרום —

שפּרינגט זי דאַן איבער פאַרקאַנעס, איבער דעכער, בעהאַלט זיך הינטער אַ באַרג און ווינקט צום מענשען:

זוך מיך!...



## זון.

זינט גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו דער לבנה: „לכי ומעטי את עצמך" איז איהר שענסטע עבודה אין דער שטיל.

די זון איז אָבער אין יעדע רגע — מלכּה. אַ מלכּה טאָר אויף איהר כבוד קיינמאָל נישט פערציכטען...

שטעהט זי אויף אין דער פריה, טהוט אָן איהר מלוכה-קרוין, שפּאַנט איין איהר גאָלד-קאַרעטע מיט איהרע פייער-פערד און לאָזט זיך אין וועג אַריין —

שיקט זי פונאַנדער איהרע וואַסאַלען איבער גאָר דער ערד און זיי גיבען איבער איהר וואָרט צו ים און יבשה, מדבר און פעלד, באַרג און טהאָל, טאַנצענדיג-שפּרינגענדיג, לאַכענדיג-זינגענדיג.

צום אָוועגד קעהרט זי צוריק אין איהר רעזידענץ, ווינשט איהרע קינדער און קנעכט אַ גוטען אָוועגד און געהט אין איהר פּאַלאַץ אַריין.

עס איז איהר אָבער שווער דאָס געזעגענען זיך — געהט זי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, געהט און קוקט צוריק, געהט און קוקט אַריין איהרע קנעכט-קינדער אין די אויגען אַריין —

זי איז די ליבע מוטער, וואָס קושט און גלעט; זי איז אָבער אויך די גרויזאַמע הערשערין, וואָס שטראָפט מיט איהרע פייערדיגע ריטער —

זי שפּילט זיך אין בעהעלטעניש מיט איהרע קינדער; זי פערשווינדעט אָבער אַמאָל אויך אין אויגען-בליק —

גאַרען אַלע איהרע קינדער-קנעכט צו זעהן זי — אַנטלויפט זי גראָד אין איהר פּאַלאַץ און בלייבט דאָרט איינזאַם-פערשלאָסען —

און אַמאָל בעווייזט זי זיך און פערשליסט זיך, בעווייזט זיך און פערשליסט זיך —

און דו, אָרעם מענש, געהסט אויס קוקענדיג: ווען וועט זי זיך בעווייזען?

זי פערמאַכט אָבער פאַר דיר טהיר און טויער און דו בלייבסט שטעהן נאַריש-פערגאַפּט...

געה, מענש, צו דיין נאַכט-לאַגער. דו וועסט זי שוין היינט מעהר נישט זעהן. דו וועסט זי ערשט מאָרגען דערזעהן —

ווען זי חעט אָנטהון אַ ניי פּריה-מאָרגען-עטרה און איינזאַמע, נזירים און פויגעל וועלען מיט איהר צוזאַמען אויסזינגען אַ נייעם שבח פאַר'ן האַר פון אַלע וועלטען.



# וועלט-ניגון

ס'איז דאַן געווען אַ בליי-שווערער טאָג. נישט קיין זון, נישט קיין ליכט. נישט קיין ווינד, נישט קיין רעגען. נישט קיין געלעכטער, נישט קיין פרייד. דערדריקענדיגע כמאַרעס האָבען אָנגעפילט די לופט. ס'איז נישט געווען קיין אָטעם. דער געדאַנק האָט זיך נישט בעוועגט. דאָס וואָרט איז פערגליווערט געוואָרען אויף די ליפען. די האָפענונג איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין די אויגען.

ס'האָט געשיינט, אַז דאָס גאַנצע לעבען האָט זיך אָבגעשטעלט. די ערד איז געווען דורשטיג-טרוקען. די מענשען זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטענס. עס האָט זיך נישט גערירט קיין צווייגעל. די פייגעל צווישען די צווייגען — מיעד-פערחלש'ט. דער מו-מו פון די קיה האָט קלאָגעדיג געהילכט. דער אַרבייטער אין פעלד האָט די הענד אַראָבגעלאָזט. דעם פּאַסטוכ'ס פייפעל איז שטום געוואָרען.

ווען דער טאָג האָט אָבער גענויגט צום פערגעהן האָט די זון אָנגעשטרענגט איהרע לעצטע קרעפטען אויף צו דורכלעכערען די שווערע כמאַרעס.

דאָס ליכט האָט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בעזיגט די געדיכטע שווערקייט...

איך בין דאַן געשטאַנען אויף אַ בערגעל ביי דער זייט פון געדיכטע בוימער.

די זון האָט צו מיר אַריינגעקוקט דורך בוימער-קרוין און

האָט צוגאָסען איהרע פאַרנאַכטיגע שטראַהלען איבער אַלע צווייגען אויבען און איבער אַלע גראָזען, שטיינער און מאָכ-וואַרג – אונטען.

ווען דאָס געפליגעל האָט דאָס ליכט דערזעהן האָט עס די ליכט-בשורה איבער גאָר דעם וואַלד צוטראָגען און אַלע בוימער האָבען זיך צוזונגען –

און הי זון איז פידעל געוואָרען און איהרע גינגאָלדענע שטראַהלען – סטרונעס.

די סטרונעס האָבען זיך געצויגען פון די הויכע הויכ-קייטען צו די טיעפסטע טיעפקייטען.

און דער אייביגער ניגון האָט זיך איבער גאָר דער וועלט געלאָזט הערען –

אַלע הערצער זענען אויפגעוואַכט געוואָרען אי צום טרויער, אי צום פרייד, אי צום שרעק, אי צו האָפענונג, אי צו ליעבע, אי צו האַס, אי צו מילדקייט, אי צו גבורה.

אין וואַלד האָבען זיך אָנגעהויבען צו מישען ליכט מיט שאָטענס; אינ׳ם פויגעל-געזאַנג – טאָג מיט נאַכט; אינם שמועס פון די בוימער – געמישטעפסוקים, אָבגעהאַקטע ווערטער.

און ביי מיר אין האַרצען – שאָטען-געדאַנקען, פאַנטאַזיעס-געמיש, עראינערונגען, פראַגען, צווייפלען, שטרעבונגען, וועה, וואָס האָט קיין נאָמען נישט, בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס האָט קיין וואָרט נישט.

און דער וועלט-ניגון ווערט אַלץ טרויעריגער און טרויעריגער, די זון געהט צום אונטערגאַנג, זי געהט אַרויס פון איהר חופה, בעווייזט זיך מיט איהר פולער פראַכט און הויבט אָן צו פערשווינדען. ביים לויפען אַהיים האָט זי אויך אָן מיר, דעם עלענדען, נישט פערגעסען –

און זי האָט מיך געטרייסט: זיי געזונד, פריינד; צום ווידערזעהן! צום ווידערזעהן!

מיין אויג האָט זי נאָכגעזופט נאָך איהר פערשווינדען און אין מיין האַרצען האָט זיך פערשטאַרקט די בענקשאַפט נאָכ׳ן נאָמענלאָזען און וואָרטלאָזען,



די זון איז אינגאַנצען פערשוואונדען און די וועלט האָט זיך פערדעקט מיט אַ שלייער –

און געווען איז האַן די וועלט עגונה׳דיג-וואַרטענדיג.

געווען איז זי ווי אַ פרוי, וואָס איהר מאַן איז אַוועק אין די ים-לענדער און וועט זיך נאָך צו איהר צוריקקעהרען...

# „וואָס רעדט די טיעפע מיטען-נאַכט?"

די וועלט איז איינגעהילט געוואָרען אין שאָטענס. די פינסטערניש — געדיכטער פון רגע צו רגע. דורך דער געדיכטער פינסטערניש שניידען זיך דורך סילועטען פון גייסטער.

איינע נאָך איינע: פערפייניגטע, דערנידעריגטע, פערשמוצטע, פערשפיגענע, פערפוילטע אין טורמעס, פערפוילטע אין שאַנד און אין זינד, פערפוילטע אין איינזאַמקייט, אויסגעגאַנגענע פון הונגער, אויסגעגאַנגענע פון טרויער, וועה און בענקעניש, געפאַלענע אין קאַמף פאַר'ן שטיקעל ברויט, אין קאַמף פאַר עהרע, פאַר נאָמען, פאַר אָנערקענונג; צוטראָטענע דורך דער גאַוה פון אַנדערע, דערשטיקטע דורך אייגענע פערלאַנגען, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט דערפילט ווערען —

טיעפער און טיעפער איז געוואָרען די שוואַרצקייט. אַ גרויסע קלאָג האָט זיך געלאָזט הערען איבער אַלע וועלטען. אַ קלאָג אָהן אויפהער.

עס האָבען זיך דורכגעשטויסען סילועטען פון תהו-ובהו-גייסטער, פון גיהנם-פינסטערע, פון רשעות'דיגע, פון מערדערישע, פון צַרומגעשליידערטע אין כף-הקלע, פון פערבלאָנדזשעטע און פעראירטע אין שרעקליכען וואַהנזין; פון גייסטער, וואָס שפרייזען אַרום איבער שטעדט און איבער דערפער, איבער פעלדער און איבער וועלדער, איבער גריבער און איבער בלאָטעס, זוכענדיג זייערע פער'עפוש'טע, צופוילטע און צונישט-געוואָרענע קערפערס און פון גייסטער, וואָס האָבען זייער פאָטער-בעשאַ-



פער צוריקגעשליידערט זיין לעבענס-מתנה, וואָס ער האָט זיי געגעבען.

נאָר אָט זענען דורך די פאַלדען פון דער שוואַרצער נאַכט דורכגעלאָפען אַנדערע סילועטען:

קינדער געקושטע פון מלאכים; שמייכלען, וואָס צוגיסען זיך איבער די לעפצען פון תמימים; העגד, וואָס ווישען אויס טרעהרען און גלייכען אויס קנייטשען, וואָס טראָגען צו דעם הונגעריגען זיין ברויט און דעם דורשטיגען זיין וואַסער; פיס, וואָס לויפען אייביג צו ברענגען הילף און רעטונג; אויגען — זונען פון ליעבע; הערצער — טעמפלען פון גנאָד; געדאַנקען, וואָס אַרמען אום וועלטען און בויען שלעסער פון גליק; חלומות פון הימעל- און ערד-הייליגקייט; שטרעבונגען — צום העכסטען הימעל און ווייטסטען שטערען; ווילענס — צו פערוואַנדלען דעם געוויין-טהאָל אין אַ געזאַנג-פעלד; פליגלען, וואָס פליהען צום כסא-הכבוד; ווינטען, וואָס ברענגען בשמים-ריחות פון גן-עדן; נשמות, — גאָט'ס ליכט און פייער.

מחנות מיט מחנות האָבען זיך בעגעגענט. ליכט האָט געוואָלט דורכלייכטען דאָס פינסטערניש; פינסטערניש האָט געוואָלט איינשלינגען דאָס ליכט. די ליכט-נשמות האָבען אויפגעהויבען אויף זייערע פליגלען די פעך-שוואַרצע געמיטער, — די געמיטער האָבען זיך אָבער געצויגען צום תהום. הימעל האָט געוואָלט דורכדרינגען דעם תהום, — סטאַדעס פון פינסטערע גייסטער האָבען אָבער געהויערט איבער'ן תהום...

**גאָט ברוך הוא איז אַריין אין גן-עדן פרייען זיך מיט צדיקים —**

גן-עדן בוימער האָבען אָנגעהויבען צו זאָגען שירה פאַר איהם; פון טיעפען תהום איז אָבער צו איהם אָנגעקומען אַ וועלט-צוּבּרעכענדער קרעכץ.

# מסתרים

„ס׳איז דאָ אַנ׳אָרט בײ הקדוש ברוך הוא, וואו ער װײנט. מסתרים הײסט ער״.

„װען הקדוש ברוך הוא דערמאָהנט זיך אָן זײנע קינדער לאָזט ער פאַלען צװײ טרערן אין ים הגדול און די ערד הױבט אָן צו ציטערן״...

גאָט, מײן גאָט, גײה הײנט אַרײן לפני ולפנים, — גײה אַרײן אין מסתרים —

דערמאָהן זיך אָן דײנע קינדער, זאָלען די טרערן פאַלען...

זאָלען די טרערן אין ים הגדול פאַלען, זאָל דער ים אױפגעזאָטען און אױפגעקאָכט װערען...

זאָל ער שטורמען, צאָרנען, אױפברױזען, ברענען, פער־ברענען, אױסראָטען!

פערברענט זאָל װערען דעם טײװעלס קעניגרײך, אױס געראָטען זאָל װערען די רשעות, מיט׳ן רױך זאָל אװעק אַלץ װאָס עס שלאָגט און פײניגט דײנע קינדער!



# ציטער

פון גאָט פערלאָזטע ערד...
דערשטיקענדער אומעט...
נישט אױסצוהאַלטען דעם פײן!
אָנגעכמורעטע הימלען, אָנגעכמורעטע הערצער...

די הימלען קאָנען קײן רעגען־טראָפּען נישט געבוירען;
די הערצער קאָנען קײן טרעהר נישט געבוירען...

גאָט, מײן גאָט, צוטרײב די כמאַרעס, נעהם אַראָב די שװערע שטײנער פון די הערצער —

זאָלען זיך די הימלען אױסלײטערן, זאָלען די הערצער דורכגעלױכטען װערען —

אָדער פיעל שטאַרקער זאָל װערען די כמאַרע, פיעל געדיכטער זאָל װערען די פינסטערניש, זאָל דײן מעכטיגער דונער איבער די קעפּ אַ קלאַפּ טהון, זאָל דײן פײער־בליץ איבער די אױגען אַ ברען טהון, זאָל דײן שלאַקס־רעגען איבער פעלד און שטאָדט אױסגעגאָסען װער.ן, —

װען נישט דורך דײן חסד, זאָלען אַלע הערצער דורך דײן ציטער אױפגעלעבט װערען!

## ווען וועט דיין קעניגרייך קומען?

גאָט, מיין גאָט, צו דיר טהו איך בעטען:

מיינע פיינד האָסטו געגעבען שאַרפע ציין, שאַרפע נעגעל, פייל און בויגען, — גיב זשע מיר כאָטש די קראַפט אַריבערצוטראָגען אַלע מיינע גרויסע צרות און איבערצוליידען אַלע מיינע שטאַרקע וועהטאָגען.

מיינע פיינד האָסטו געגעבען טהוי פון הימעל און פעטקייט פון דער ערד; מיר האָסטו פון דעם גאָר נישט געגעבען, — ווערסטו פון מיר דיין הייליגען גייסט אויך אָבנעהמען?

ווערסטו מיך פערלאָזען אין אַזאַ ביטערע, פינסטערע צייט, אין אַזאַ צייט פון עלענד און פיין, וויסטעניש און אונגליק?

דו האָסט געזאָגט דורך דיין הייליגען נביא:

„דאָ שווער איך, אַז מיט אַ שטאַרקער האַנד, מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם און מיט אויסגעגאָסענעם צאָרן וועל איך קיניגען איבער אייך" —

דיין אויסגעגאָסענער צאָרן איז דאָ, — וואו זשע איז אָבער דיין שטאַרקע האַנד און דיין אויסגעשטרעקטער אָרעם?...

דיין שטראָף איז דאָ, — וואו איז אָבער דיין קעניגרייך?..



## זאָל דער דונער אַ קלאַפּ טהון!...

„דער סנה ברענט אין פייער און דער סְנֶה ווערט נישט פערברענט".

דו, וואָס דו האָסט זיך בעוויזען אין סְנֶה, מאַך רוהען דיין שְׁכִינה אויף אונז!

בעווייז זיך פאַר אונז מיט קולות און מיט בליצען ווי דו האָסט זיך בעוויזען צו אונזערע עלטערען.

בעווייז זיך צו אונז אין שטורם ווי דו האָסט זיך בעוויזען צו אִיוב'ן.

מיר קאָנען שוין מעהר נישט לעבען אָהן דיין אָנגעזיכט.

ווען נישט דיין אָנגעזיכט זענען מיר אויף אייביג פערלוירען.

ווען נישט דיין אָנגעזיכט וועלען וואַלד-וועלף פון אונז קיין געביין נישט איבערלאָזען.

אונזערע כחות זענען אויסגעשעפּט געוואָרען; אונזערע ליכטער — אויסגעלאָשען געוואָרען; אונזערע הייליגקייטען — פערשוועכט געוואָרען; אונזערע האָפענונגען — צורינען געוואָרען; אונזערע שטרעבונגען — צו נישט געוואָרען.

טויזענדער יאָהרען, אַז מיר וואַרטען, וואַרטען און וואַרטען אויף דיר, —

מיר קאָנען שוין מעהר נישט וואַרטען!

## פון שאול...

„וואו זאָל איך דיך געפינען און וואו זאָל איך דיך נישט געפינען?״

דאַן, בעת מיין האַרץ האָט געפּלאַצט פון שאַנד און פון וועה —

דאַן, ווען איך האָב געמיינט, אַז דער שוואַרץ יאָהר נעהמט מיך און איך געה אין אָבגרונד אַריין —

דאַן, ווען איך האָב דערזעהן ווי דער גיהנם עפענט זיך אונטער מיר, —

דאַן, ווען טויזענדער פּיאַווקעס האָבען געזויגען מיין בלוט און איך האָב פון גרויס יאוש געשריען —

דאַן, ווען די גאַנצע וועלט האָט ערשיינט פאַר מיינע אויגען ווי אַ שטעהענדיגע בלאָטע אָדער ווי אַ שרצים-באַרג —

דאַן, ווען איך האָב בעשיינפּערלעך דערזעהן ווי דער ווילדער חזיר צופרעסט, צוטרעט און פעראונרייניגט אַלץ, וואָס איז עדעל און שעהן —

דאַן, ווען איך האָב דערזעהן, אַז מענשליך בלוט ווערט געגאָסען ווי וואַסער און ס'איז נישט נישטאָ קיין קלאָגער און קיין ריכטער —

דאַן, ווען מיינע הימלען זענען אונטערגאַנגען און די זון איז מיר אין מיטען טאָג פינסטער געוואָרען, —

דאַן, ווען אַלץ איז פון מיר צוגענומען געוואָרען און אפילו וויינען האָב איך נישט געקאָנט —



גראָד דאַן איז אויסגעבראָכען פון אַ טיעפער בעהעלטעניש אין מיין נשמה אַ געוואַלד-געשריי: וויל און לעב!

גראָד דאַן, ווען איך האָב די טיעפסטע העסליכקייט דערזעהן האָב איך אויך די טיעפסטע שעהנקייט דערשפּירט —

דאַן האָט זיך דער קוואַל פון מיינע טרעהרען אויפגעעפענט —

דאַן האָב איך זיך צוויינט ווי אַ קליין קינד...

דאַן האָב איך געזאָגט: גרויס איז דער וועה, אָבער גרעסער איז גאָט!...

דאַן האָב איך דערהערט דעם קול, וואָס שרייט אַרויס פון בערג און פון טאָלען, פון שטיינער, פון פעלזען, פון פייער, פון וואַסער, פון ליכט און פון בלומען: אהיה אשר אהיה...

# צום וואַלד*)

אונטער דיין גרין-בעפליטערטער דעק וואַנדעל איך, אור-אַלטער וואַלד! איך פאָרש דיין פאַרצייטיגען סוד, איך הער דיין זינגען און זאָגען.

דיין מורמעל הער איך ביי טאָג און ביי נאַכט, בעגינען און מיטאָג-צייט, ווען די זון לייכט-אַפּער, ווען די זון זינקט אַרונטער.

איך בעטראַכט דיך אין ליכט פון דער זון, אין בלייכען פלאַם פון די שטערען. דיינע פויגעל זינגען, דיינע צווייגען שאָרכען, און דיינע סודות רעדען און רעדען —

און די סודות — ווי גרויס זענען זיי, ווי פורכטבאַר און מעכטיג!

דו דערצעהלסט מיר פון שטאַרקען און רייכען, גרויסען און טיעפען ווילען.

דו דערצעהלסט מיר פון לעבען און שפע, פון שטאַרקייט און ווידערשטאַנד.

דו דערצעהלסט מיר פון ליעבע צו זון, צו ליכט און לעבען.

דו דערצעהלסט מיר פון פראַכט און שעהנקייט, פיינקייט און ווירדיגקייט.

---

*) צו ערשט אין העבּרעאישען — לוח אחיאסף תרס"ד. אין יודיש איבערגעזעצט דורך אהרן צייטלין.



דו דערמאָהנסט מיך אויגען, וואָס פערלירען זיך אין דער גרויסאַרטיגער שיינקייט פון די הימלען, העגד, אויסגעשפּרייטע צום בעשעפער, און אַלץ וואָס שעהן און הייליג איז —

אָבער אויך דיין וועהטאָג בלייבט מיין אויער נישט פרעמד! ווי טרויעריג איז דאָס פויגעל-ליעד פון דיין אַלטער, דונקעלער טיעפקייט!

איך קען דיין וועהטאָג, מעכטיגער וואַלד, איך קען דיינע צושטערער און צובּרעכער, דיינע פיינד און פערניכטער.

פייערדיג האָס איך דיינע צושטערער, די בעצווינגער פון דיין מאַכט. די בייזע כּחות, פון אייביג-אָן דיר פיינדליך, ווי שטאַרק פעראַכט איך זיי, און ווי בענק איך נאָך דעם טאָג ווען אַלע דערקענען דיין שעהנקייט.

וואַקס-זשע, וואַלד דו מיינער, און בליה! שטייג אַלץ העכער און העכער!

---

איך געדענק נאָך ביז יעצט יענע נאַכט, אוראַלטער וואַלד!

דיינע בוימער האָבען זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטען, און דו ביזט געפאַנגען געוואָרען אין דער נעץ פון טרוימען —

און דאָ האָב איך דיך געזעהן, ווי אַ העלד, און דיין שלאָף איז מיר געווען ווי אַ העלדען-שלאָף.

גרויס, ריעזיג-גרויס ביזטו, רייסט אויף די הימלען!

די גרויע וואָלקענס שטעכען דיין קאָפּ, דו שטעהסט אַזוי הויך און שטייף —

עס ציטערט די בלאַנקע לבנה און זי וואַשט מיט זילבער דיינע גרינע לאָקען — און עס רייסען זיך אַריין איהרע שטראַהלען דורך די שפּיצען פון דיינע בוימער, און עס מאָהלט אַ ליכט דיינע דונקעלע שטעגען —

שעהן ביזטו אין דיין שווייגען, ווילד-שעהן!

שעהן ביזטו ביים תּפלה-טאָן, און פיעל מעהר נאָך — אין שלייער פון שטילקייט.

שען ביזטו אויף דער וואך, און שענער נאָך — ווען דו זינקסט אין אַ חלום...

ביינאַכט טרוימסטו פון שטערן-געזאַנג, פון אייביגע „הללויה׳ס".

דו טרוימסט פון אַ העכערער פראַכט און פון אַ שעהנקייט נישט פון דאַנען.

שלאָפסטו, אַלמעכטיגער העלד, — ווער וואָגט דיך צו וועקען? דרימעלסטו, קרעפטיגער ריעז, — ווער וואָגט דיך אַ ריהר צו טהון?

---

וואָס ברומסטו, וואָס ברוגז׳טו זיך, וואָס צאָרנסטו, מעכטיגער וואַלד?

וואָס בעדייט דער גערויש פון דיינע בוימער, בלעטער און צווייגען?

וואָס בעדייט דער דאָזיגער וועה-געשריי, געמישט מיט קרעפצען?

וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו זיך צורוישט, צוגאָסען? וואָס וויל דער ווינד, וואָס וועהט דיך אדורך, און וואַרפט אויף דיר זיין שרעק? וואו איז זיין וועג? פון וואַנען קומט ער און וואוהין געהט ער? זיין וואַרפען זיך, זיין שליידערען זיך, וואָס וויל עס דיר זאָגען?...

וואָס האָסטו זיך איינגעבויגען פאַר איהם, אין דרייען איינגעבויגען, ביז צו דער ערד, ביז צו די גרינע קנעכעל דיינע? —

וואָס האָסטו מורא פאַר איהם, פאַר דעם דאָזיגען שלעכטען נאַכט-אורח? ער איז געקומען און ער וועט אַוועק, אַזוי ווי יעדער שטורם!

און איז ער, דער שטורם, שטאַרקער ווי געוועהנליך, און איז גרעסער זיין רציחה, ווי די רציחה פון אַ געוועהנליכען שטורם, — וואָס אַרט עס דיר? דו שטעה פעלזענפעסט!

ער רייסט דיין קרוין, פערטרייבט דיינע פויגעל, צושטערט דיינע נעסטען, דער וואַלד אָבער מוז אייביג גאַנץ



בלייבען, — אייביג איז דער וואַלד און געוועהנט צו נסיונות.

וואָס קען דיר אַ שטורם שלעכטס טהון? ער איז דאָך נישט מעהר ווי אַ שטורם, זיין כעס קען דיר נישט שאַדען, אַ, דו אייביגער!

זאָל ווילדעווען דער ווינט, זאָל בילען דער שטורם, — דו בלייב דער זייל, דער שטאַרקער, דער גלייכער, דער אונבעצווינגליכער...

שיק וואָרצלען אין דער טיעף, אין דער טיעף, שפּרייט אויס די פליגעל פון דיין פּראַכט און שענקייט.

זאָל דיין שאָטען בעדעקען די הויכע בערג, זאָל ער דערקוויקען גרויסע און קליינע.

דערהויב זיך און שפּרייט זיך אויס, זיי מקבל-פנים די זון! —

טהו אָן דיין קלייד פון יונגע בליטען, שעהנקייט און שטאָלץ!

## פ ו ן  ס י נ י י

גרויסער הייליגער פאָטער, פאָטער פון אַלע וועלטען!
דו בעשאַפסט דאָך דיינע קינדער-וועלטען — אין יעדען אויגען-פּליה...
ווען דו טהוסט אָב אויף איין אויגען-פּליה דיין שאַפונגס-חסד ווערט פון אַלץ — נישט מיט נישט.
דו עפענסט אָבער אויף יעדע רגע דיינע ברכה-קאַנאַלען—
און ווידער זינגען די פריה-מאָרגען-שטערען ל י ע ב ע-ליעדער פאַר דיר —
און ווידער זינגט די זון איהר ג אַ נ ג - מ אַ ר ש פאַר דיר —
און ווידער זינגען די מלאכים זייער ר ו ה ם-ליעד פאַר דיר —
און ווידער זינגען די נשמות זייער ד ו ר ש ט-ליעד פאַר דיר —
און ווידער זינגען די גראָזען זייער ב ע נ ק ש אַ פ ט-ליעד פאַר דיר —
און ווידער זינגען די פויגעלעך זייער פ ר יי ד-ליעד פאַר דיר —
און ווידער זינגען די פערלאָזענע אפרוחים זייער י ת ו מ י ם-ליעד פאַר דיר —
און ווידער וויקלען זיך איין די בוימער אין גרינע טליתים —



און ווידער זאָגט דער קוואַל זיין תְּפִלָּה —
און ווידער גיסט אויס דער פערעלנדטער מענש זיין האַרץ פאַר דיר —
און ווידער שפּאַלט זיין נשמה-תפלה אַלע דיינע הימלען —
און ווידער ווערט ער אויפגעציטערט און אויפגעפלאַטערט פון דיין כבוד-שיין —
און ווידער איז זיין אויג צו דיר אויפגעהויבען:
נאָר איין שטראַל פון דיין ליכט און איך בין שוין דורכגעלויכטען.
נאָר איין וואָרט פון דיר און איך בין שוין אויפגע-קלערט —
נאָר איין אָטעם פון דיין אייביגקייטס-לעבען און איך בין שוין אָנגעזאָפּט מיט יוגענד-טהוי —
הו, וואָס דו בעשאַפסט אַלץ פון ס׳ניי, בעשאַף אויך מיך, דיין קינד, פון ס׳ניי!

# קדושים

גרויסער, הייליגער גאָט!

גרויסער הייליגער גאָט פון כּל־ישׂראל!

איך דער זינדיגער, דער אומריינער, דער געמיינער, דער צובראָכענער, דער צוריסענער אין גוף און אין נשמה, קום תּפילה טהון פאַר דיר, הייליגסטער פון אַלע הייליגע, העכסטער פון אַלע הויכע, אייביגקייטס־פעלז!

פאַר וועמען טהו איך תּפילה?

פאַר די, וואָס האָבען ס׳גאַנצע לעבען זייערען געוואַנדעלט פאַר דיר, געטעטמט און בעוועגט זיך נאָר אין דיר;

פאַר די, וואָס האָבען אין קיין איין רגע פון זייער לעבען נישט פערגעסען אָן דיר און האָבען זייער לעבען אַוועקגעגעבען פאַר דער הייליגקייט פון דיין נאָמען!

פאַר אונזערע זינד ווערען די הייליגקייטען פערשוועכט —

פאַר אונזערע זינד האָבען דיינע געטרייע קנעכט קיין מנוחה נישט —

פאַר אונזערע זינד ווערען ביינער פון קדושים פון זייערע קברים אַרויסגעוואָרפען.

קערפּערס, וואָס זענען געווען אַ מִשְׁכָּן פאַר דיין הייליגקייט ווערען דרויסען אַרויסגעוואָרפען — דיין משכּן איז פערשוועכט געוואָרען!

קערפּערס, וואָס זענען געווען אַ מקדש פאַר דיר



זענען דורך רשעים פעראונרייניגט געוואָרען, — דיין מקדש איז טמא געוואָרען!

קערפּערס, וואָס זענען געווען אַ מרכּבה פאַר דיר זענען צו שאַנד און צו שפּאָט געוואָרען — דיין מרכּבה איז צוקלאַפּט געוואָרען!

אַמאָל, ווען אַ מת האָט אָן אלישע׳ס ביינער אָנגעריהרט איז ער פון קבר אַרויסגעשליידערט געוואָרען —

און היינט קומען מענשען־חזירים און וואַרפען אַרויס ביינער פון דיינע הייליגע און בעגראָבען פערד אויף זייער אָרט —

און דו, מיין גאָט, וועסט עס אַלץ שווייגען? און דו וועסט עס אַלץ ליידען? און דו וועסט גאָר נישט מאַכען שטורמען הימעל און ערד צוליב דעם?

מיר האָבען טאַקע געגען דיר פיעל געזינדיגט, — וואָס זענען אָבער שולדיג די ריינע, די שיינע, די הייליגע?

אויב נישט פון אונזערט וועגען — טהו צוליב זייערט וועגען!

זאָל ענדליך דאָך דיין הילף קומען, זאָל דיין חסד ענטפּלעקט ווערען, זאָל דיין נאָמען געגרויסט און געהייליגט ווערען —

מיט דיין צוריק אויפשטעלען דיין משכּן, דיין מקדש, דיין מרכּבה.

# טרעהרען-טויערען

טאָג און נאַכט שריי איך צו דיר, טאָג און נאַכט וויין איך פאַר דיר, — דו ענטפערסט מיר נישט!

עס שרייט צו דיר מיין טיפסטע טיפעניש, — דו ענטפערסט נישט!

עס שרייט צו דיר די פערהוילענע נקודה פון מיין נשמה, — דו ענטפערסט נישט!

עס שרייט צו דיר מיין „יחידה״, — דו ענטפערסט נישט!

אַמאָל, ווען איך פלעג בעטען, וויינען, שרייען, פלעג איך ווי אַנ׳ענטפער הערען, היינט זענען אָבער פאַר מיר אַלע טויערן פערשלאָסען.

אַנ׳אייזערנע וואַנד איז אויפגעשטעלט געוואָרען צווישען מיר און דיר. וועה! וועה! ווען וועט די אייזערנע וואַנד דורכגעבראָכען ווערען?

דיינע הייליגע האָסטו געלאָזט זאָגען: „אַלע טויערן קאָנען געשלאָסען זיין, אויסער די טרעהרען-טויערען״ — היינט זענען אויך יענע טויערן פערשלאָסען פאַר מיר.

„האָף צו גאָט, שטאַרק זיך און ער וועט דיין האַרץ קרעפטיגען״.

„טהו תּפלה. ביזטו איינמאָל נישט געענטפערט געוואָרען, וועסטו אַ צווייט מאָל געענטפערט ווערען. וועסטו אויך דאַן



נישט געענטפערט ווערען, — טהו תּפלה ווידער און ווידער. ס׳וועט אַמאָל דאָך דיין שעה קומען״.

ביז מיין לעצטען אָטעם וועל איך נישט אויפהערן אויסצוגיסען מיין האַרץ פאַר דיר.

מיין לעצטער אָטעם — געזאַנג און תּפלה!
מיין לעצטער אָטעם, — דער קוש פון דיין גייסט!
מיין לעצטער אָטעם, — אַ טראָפען אין ים, אַ שטראַהל אין זון, אַ נשמה אין דער וועלט-נשמה...

אַ ווייסע טויב האָט זיך געשטעלט אויף מיין פענסטער, — זאָל זי זיין די אָנזאָגערין פון דיין הילף!

אַ זענפטיג ווינטעל איז פאַר מיין פנים דורכגעלאָפען — זאָל ער מיר פון דיר אַ גרוס ברענגען.

אַ ליכט-כוואַליע האָט זיך אין מיין צימער אריינגעריסען, — זאָל זי מיר דיין נחמה אַנטפּלעקען!

## חצות

טיעף אין נאַכט. שטילקייט. שלאָף. מיין האַרץ איז וואַכעדיג...

איך בין וואַך. דו ביזט וואַך. לאָמיר צוזאַמען זיין.

איך רעד צו דיר. דו רעדסט צו מיר. איך הער דיך, דו הערסט מיך. לאָמיר זיך אויף אייביג צונויפגיסען...

איך שריי צו דיר ניסט. איך בעט ביי דיר גאָר נישט. איך בין מיט דיר. דו ביזט מיט מיר...

זאָל איך פאַר דיר זינגען? זאָל איך פאַר דיר שאַלען?

זאָל איך פאַר דיר וויינען? זאָל איך פאַר דיר קלאָגען?

דו דאַרפסט נישט קיין געזאַנג, דו דאַרפסט נישט קיין קלאַנג, — איך בין אין גאַנצען דיין...

צו וואָס דאַרפסטו מיינע טרעהרען? צו וואָס דאַרפסטו מיינע זיפצען? — איך בין אין גאַנצען דיין...

צו וואָס דאַרפסטו מיינע קשות? צו וואָס דאַרפסטו מיינע תחנונים? איך בין אין גאַנצען דיין...

צו וואָס דאַרפסטו מיין בענקשאַפט? צו וואָס דאַרפסטו מיין אויסגעהן? — איך בין אינגאַנצען דיין!

צו וואָס דאַרפסטו מיינע ווערטער? — קום צו מיר, קום אַריין אין מיר, — אָהן ווערטער!...



## טהרה

דו האָסט געזאָגט דורך דיינע הייליגע חכמים: „ווער עס וויל ריין ווערען — העלפט מען איהם".

אוי, וויפיעל מאָל האָב איך שוין אָנגעקלאַפּט אין דיינע טהירען!

אוי, וויפיעל מאָל האָב איך שוין געשטורעמט די שערי-טהרה! אוי וויפיעל מאָל האָב איך שוין געשריען מיט מיינע לעצטע כחות: הימעל און ערד בעט רחמים פאַר מיר! —

וואו איז אָבער די הילף?

נישטאָ קיין הילף פאַרן אָרעמען עלענדען מענשען. מען שטויסט איהם אין די שערי-טומאה אַריין. מען לאָזט איהם זינקען אין זומפּ. מען לאָזט איהם פאַלען אין שאול.

וואָס זאָל דאָס אַלץ הייסען?

זאָל עס הייסען: „מיר ווילען דיך נישט. מיר דאַרפען דיך נישט. מיר דאַרפען נישט, נישט דיך, נישט דיינע ריינע מעשים"?

אויב יאָ אזוי — צו וואָס זשע האָסטו מיך בעשאַפען? צו וואָס האָסטו מיר געגעבען דיין לעבענס-גאָב? צו וואָס האָסטו אַריינגעאָטעמט אין מיר דיין הויך?

אויב דו דאַרפסט נישט, נישט מיך, נישט מיינע ריינע מעשים, — צו וואָס האָסטו מיך אַראָבגעשיקט אויף דער ערד?

בין איך דיין שליח, ווי ס'איז אַ שליח יעדער, וואָס איז בעהויכט מיט דיין אָטעם, - פאַר וואָס גיסטו מיר נישט

כּח, שכל און רצון צו דערגרייכען דאָס, וואָס צוליב דעם בין איך אַראָבגעשיקט געוואָרען אויף דער ערד?

פאַר וואָס גיסטו מיר נישט קיין קראַפט צו דערווייטערן פון מיין וועג אַלץ וואָס שטערט דיין שליחות: ערדישע ליידענשאַפטען, אונגעדולד, אומעט, טרויער, שוואַכקייט?

פאַר וואָס זאָל מיין ווילען נישט זיין אין גאַנצען הייליג צו דיר? פאַר וואָס זאָלסטו מיך לאָזען צו טהון אויך דאָס, וואָס איז געגען דיין ווילען?

ברענט אין מיר דען נישט דיין פייער? זענען דען נישט מיינע ליפּען אָנגעריהרט געוואָרען פון די קויהלען, וואָס ברענען אין דיין מזבח? קומט דען נישט דיין ווינד פון גן-עדן? פליסט רען נישט דיין קוואַל פון קדשי-קדשים?

פון וואַנען זשע קומט דער פּגול אין מיין לעבען? פון וואַנען קומען די גלוסטונגען, וואָס זענען נישט צו דיר? פון וואַנען קומען די שטרעבונגען צו עפר ואפר?

דיין רעכטע האַנד פיהרט דאָך מיך, — פאַר וואָס זשע לאָזטו מיך נידערן? דיין גייסט טראָגט דאָך מיך, – וואָס זשע לאָזטו מיך זינקען? מיין האַרץ שרייט דאָך אין יעדע וויילע צו דיר, — פאַר וואָס דערווייטערסטו זיך פון מיר?

און ווען איך וויל צו געהן נאָהנט צו דיר, — ווערסטו נאָך ווייטער. און ווען איך וויל זיין גאָר נאָהנט צו דיר, — פערטרייבסטו מיך, פעריאָגסטו מיך, פערשטויסטו מיך!

איז טאַקי מיין זינד אַזוי גרויס? איז טאַקי מיין זינד אַזוי שווער?

און ווען מיין זינד זאָל אפילו יאָ זיין גרויס און שווער, – קאָנסטו איהם דען נישט פערטראָגען, דו וואָס דו פערטראָגסט אַזוי פיעל וועלטען, אַזוי פיעל לעבענס, אַזוי פיעל דורות?

בין איך טמא, – ביזטו דאָך דער ים, וואָס רייניגט אַלע טומאות!

בין איך פינסטער, – ביזטו דאָך די זון, וואָס דרינגט דורך אַלע פינסטערע ווינקעלעך!



בין איך אַ טראָפּען פון דיין ים, – לאָמיך אין איהם אַריינפאַלען. בין איך אַ שטראַהל פון דיין זון, – לאָמיך צו איהם צוריקקעהרען!

אור אין סוף! איך עפען אויף אַלע שפּאַלטען פון מיין נשמה פאַר דיר, — רינגעל זיי אַרום, פיעל זיי אויס, נעהם זיי דורך!

אור אין סוף! מיין לעבען — אין דיין לעבען, מיין ליכט – אין דיין ליכט, מיין נשמה, – אין דיין נשמה.

# ר ח מ י ם

רבונו של עולם!

ווער בין איך, אַז איך זאָל מתפלל זיין צו דיר אויף דיינע קינדער?

ווער בין איך, אַז איך זאָל ווערט זיין צו מתפלל זיין פאַר דיר פאַר די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב?

ווער בין איך, אַז איך זאָל ווערט זיין צו מתפלל זיין פאַר דיר אויף דיין גרויסען, הייליגען פאָלק ישראל?

ווער בין איך, און וואָס בין איך? אַן'אָרעם, עלענד בעשעפעניש, אַ „כלי מלא בושה וכלימה", אַ שאַרבען מיט אַלע שאַרבענס גלייך, אַ וואָרים מיט אַלע ווערים צוגלייך.

ווער בין איך, אַז איך זאָל קומען וועקען דיין גרויסען חסד?

ווער בין איך, אַז איך זאָל קומען וועקען דיין רחמנות אויף דיינע עלענדע, אָרעמע שעפעלעך? —

„אַ גרויס, הייליג פאָלק" און דאָך — „אָרעמע עלענדע שעפעלעך".

גרויס איז דיין פאָלק! גרויס אין זיין ליידען פאַר דיר, גרויס אין זיין טראָגען אייביג דיין הייליגע פאָהן, גרויס אין זיין אייביגע מלחמה פאַר דיין הייליג וואָרט, פאַר דיין הייליגען אמת. און דאָך — „אָרעמע, עלענדע שעפעלעך". צוזייט, צושפרייט, צו שחיטה גרייט...

גרויסער, הייליגער טאַטע! האָב דאָך רחמנות אויף דיינע



קינדער! גרויסער, הייליגער פאַסטוך! האָב דאָך רחמנות אויף דיינע שאָף.

איך בין נישט ווערט צו מתפלל זיין אויף זיי. איך קען אָבער זייער עלענד, מיין עלענד, נישט אריבערטראָגען. איך קען זייער פיין, מיין פיין, נישט אַריבער טראָגען...

איך בין נישט ווערט. געוויס נישט ווערט. טהו אָבער אַמאָל עטוואָס אויך צוליעב דעם, וואָס איז גאָר נישט ווערט...

דו האָסט דאָך אַ גרויסען, הייליגען אוצר פון מ תְּ נ ת ח נ ם — שענק מיר פון דאָרט דיין גאָב. שענק מיר פון דאָרט דיין חסד און פערשפרייט איהם אויף דיין גאַנצען פאָלק, אויף די מיליאָנען פון דיינע קינדער!

## וְאִם לא עַכְשָׁיו — אֵימָתַי?

ווען נישט היינט, טאַטע אין הימעל, ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע ערד קאָרטשעט זיך אין וועהטאָגען — ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע וועלט שרייט, ווי אַ געווינערין אויפ'ן בראָך-שטוהל, וואָס קען קיין קינד נישט געבוירען — ווען דען שוין?

ווען נישט היינט, ווען די גאַנצע וועלט גיסט אַפּ מיט בלוט, טרינקט זיך אין בלוט, זינקט אין בלוט, — ווען דען שוין?

ווען נישט היינט וועט קומען דיין חֶסֶד, — ווען דען שוין? ווען נישט היינט וועט קומען דיין הילף — ווען דען שוין? ווען נישט היינט וועט בעוויזען ווערען דיין ליכט,— ווען דען שוין?

זענען דען נאָך וויינינג פאַר דיר די מִזבחות, וואָס מיר, בני יִשׂראל, האָבען פאַר דיר אויפגעשטעלט?

זענען דען נאָך וויינינג פאַר דיר, די מיליאָנען קָרבּנוֹת אונזערע?

זענען דען נאָך וועניג פאַר דיר די פיעלע קהִלוֹת, וואָס זענען דורך די מערדערישע הענד — חָרֵב ומוּחרב געוואָרען?

זענען דען נאָך וועניג פאַר דיר די צעהנטויזענדער יודען, וואָס האָבען זייערע לעבענס אַוועקגעגעבען צוליב דער הייליגקייט פון דיין נאָמען?



זענען דען נאָך וועניג פאַר דיר די געשרייען פון די קינדער, וואָס זענען אין די אויגען פון זייערע עלטערען גע-שטאָכען געוואָרען און געשענדעט געוואָרען?

איז דען וועניג פאַר דיר יענער וועה, וואָס פיהלט היינט אָן דאָס הארץ פון יעדען יודען, כאָטש ער פאַרשרייט איהם און פערטומעלט איהם און וויל איהם פון זיך זעלבסט פערבאָרגען אָדער אין זיך זעלבסט דערשטיקען?

צי דאַרפסטו דוקא דעם אויסערליכען געשריי? צי ש־ייט דען נישט היינט צו דיר יעדעס יודיש הארץ אָהן ווערטער, טויזענדער מאָל מעהר ווי אַמאָל מיט ווערטער?

און די גאַנצע וועלט? שרייט זי נישט צו דיר? רופט זי דען נישט דיך? שטרעבט זי דען נישט צו דיר?

רופט זי דען נישט צו דיר אין איהר זינד?

רופט זי דען נישט דיך אין אַלע איהרע קראַמפּפען און וועהטאָגען?

זוכט זי דען נישט דיך אין איהר שרעקליכען אַרומ-בלאָנדזשען?

די מענשען זענען אַוועק ווייט, ווייט פון דיר. זיי קענען צו דיר נישט צו קומען. זיי האָבען דיין נאָמען פערגעסען; אָבער זוכענדיג דעם גליק פון לעבען — זוכען זיי דען נישט דיך? זוכענדיג דעם זין פון לעבען — זוכען זיי דען נישט דיך? זוכענדיג דעם אמת פון לעבען — זוכען זיי דען נישט דיך?

פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי דאָך מוזען צו דיר קומען, — צו וואָס זשע זאָלסטו זיי לאָזען אַזוי לאַנג אַרומ-בלאָנדזשען? צו וואָס זשע זאָלסטו זיי לאָזען אַזוי לאַנג צו דיענען אַלערליי עֲבודות-זרות און זינקען אין תְּהומות פון טומאה?

ביז וואַנען וועסטו דיין פָּנִים פערשטעלען? ביז וואַנען וועסטו דיין פָּנִים פערדעקען? דעק אָב דיין געזיכט, זאָלען אַלע זעהן דיין ליכט. בעוויז זיך צו דיינע קינדער! זאָג זיי:

אָט בין איך דער וועמען איהר זוכט אַזוי לאַנג און קענט נישט געפינען !...

בעווייז זיך צו גאָר דער וועלט און זאָג זיי: איך בין דער אין וועמענס הענד איז אי אייער גליק, אי דער זין פון אייער לעבען, אי אייער אֱמֶת. קומט צו מיר!



## מְמַעֲמַקִים *)

פון דער טיעפקייט פון אונזער נויט רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי לעבעדיגע בעשעפענישען, וואָס האָבען נישט מיט וואָס צו שפּייזען זייערע קינדער —
רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַ שעפּעלע, ווען מען נעהמט ביי איהר אָב איהר געבוירען קינד —
רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַ טויב, וואָס איז געכאַפּט פון אַ יאַטרעב —
רופען מיר צו דיר, גאָט.

ווי אַ אינד אונטער די נעגעל פון'ם טיגער —
רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַנ'אָקס וואָס ווערט צוריסען פון'ם וואָלף —
רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַ פערוואונדעטע פויגעלע, פון אַ הינד געיאָגטע —
רופען מיר צו דיר, גאָט!

ווי אַ פליהענדע שוואַלב, ווען זי פאַלט אַ מידע אין ים אריין און קלאַפּט זיך אָן די ווע‌לען —
רופען מיר צו דיר גאָט!

ווי אַ וואַנדערער, וואָס ווערט פערבלאָנדזשעט אין אַ

*) פון לאַמענע.

ברענענדיגען מדבר אָהן וואַסער —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי מאַטראָזען, וואָס ווערען אַרויסגעוואָרפען דורך אַ שיף־ברוך אויף אַ פּרוכטלאָזען ברעג --
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי איינער, וואָס דערזעהט ביינאַכט אויפ׳ן בית־עולם אַ שרעקליכע זעהונג —
רופען מיר צו דיר גאָט!
ווי אַ פאָטער ביי וועלכען מען האָט אָבגענומען דעם ברויט פון זיינע הונגעריגע קינדער —
רופען מיר צו דיר, גאָט.
ווי אַ אונשולדיגער מענש, וואָס ווערט דורך די שטאַרקע פון דער וועלט אַריינגעוואָרפען אין אַ פינסטערער, פייכטער תפיסה, —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי אַ קנעכט אונטער דער בייטש פון זיין האַר, —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי אַ אונשולדיגער פאַר׳ן שטראָף —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי דאָס פאָלק ישראל אין דעם לאַנד פון קנעכטשאַפט—
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי די קינדער פון יעקב, ווען דער מלך פון מצרים האָט געטרונקען אין נילוס זייערע זיהן —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי די צוועלף שבטים אין מצרים, וואָס פון טאָג צו טאָג האָט מען געמעהרט זייער אַרבייט און פון טאָג צו טאָג האָט מען געמינערט זייער ברויט, —
רופען מיר צו דיר, גאָט!
ווי אַלע משפחות פון דער ערד איידער עס ערשיינט דער מאָרגענשטערען פון בעפרייאונג —
רופען מיר צו דיר, גאָט!



# ס׳איז מיר זעהר טרויעריג

גאָט מיינער!

עס איז מיר זעהר טרויעריג. עס איז מיר שווער. עס איז מיר שלעכט, איך האָב נישט צו ווערען צו קעהרען זיך.

איך זעה פון ערגיץ קיין הילף נישט. דו שווייגסט. דו העלפסט אונזערע שונאים. דו פעראַכטעסט דיינע קינדער. ביז וואַנען? וויפיעל אַ שעור?

מיר לויפען אַהיים. מיר לויפען צו אונזער מוטער. מיר לויפען אין אונזער הייליגען לאַנד. מיר האָבען געמיינט: אונזער מוטער וועט אונז טרייסטען. מיר האָבען געמיינט: אונזער מוטער וועט אונז די טרעהרען אָבווישען...

געקומען זענען מיר צו אונזער מוטער און דאָרט האָבען מיר ערשט די ערגסטע פיינד אָנגעטראָפען. פון שחיטה צו שחיטה געהן מיר, — און וואו איז אונזער רעטונג? וואו איז אונזער הילף?

פון דער שחיטה־לאַנד אוקראַאינא איז אונזער יוגענד געלאָפען צו דיר, אין דיין הייליג לאַנד אריין. זיי האָבען געוואָלט דאָס לאַנד מיט זייער שווייס אָנטרינקען און דו האָסט געלאָזט מיט זייער בלוט דעם רציחה־דורשט פון אונזערע מערדער־פיינד זעטיגען...

קען איך דען מיין וועה או פיין אַרויסזאָגען? וואו זענען די ווערטער צו דעם? נאָך וואָס זאָל איך פאַר דיר זאָגען? דו ווייסט דאָך אַליין אַלץ...

דו ווייסט אַלץ, נאָר מיר ווייסען גאָר נישט. מיר ווייסען נישט צו וואָס דו דערלאָזט, אַז הונדערט־טויזענדער פון דיינע קינדער זאָלען אין גָלוּת אויסגעקוילעט ווערען און די, וואָס ווילען דיין הייליג לאַנד בויען זאָלען דאָרט, אין דיין שְכִינָה־אָרט, געקוילעט ווערען?

און דער? דער, וואָס האָט מיט אַזוי פיעל יְסוּרִים געזוכט דיך דאָס גאַנצע לעבען און האָט דיך נישט געקענט געפו־נען — ווייל ער האָט נאָר די שרעקליכע, אונערטרעגליכע,ליידען פון זיינע ברידער געזעהן און דיין חֶסֶד האָט ער נישט געזעהן — דער. וואָס איז געגאַנגען מיט אַזאַ גרויסען אמת פאַר דיר, כאָטש ער האָט צייטענווייז פון גרויס פיין און פערצווייפלונג אָן דיין נאָמען געלייקענט, דער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעהט, ווייל זיין האַרץ איז תָמיד אָנ־געלאָדען געוועזען מיט די צָרוֹת פון דיין פאָלק, דיין אייביג־ליידענד קינד יוֹסף חיים, דיין קינד, וואָס האָט אַזוי פיעל געליעבט און האָט תָמיד ערפילט דיין העכסטען געבאָט פון ליעבע, אָט דעם קינד דיינעם האָסטו געלאָזען הֶפְקֵר, אַז מענשען־חיות זאָלען איהם צורייסען, אַז צווילדעוועטע מער־דער זאָלען דאָס ליכט פון זיין לעבען פערלעשען, אַז זיין ליכטיגער קאָפּ זאָל אויף שטיקער צושפּאָלטען ווערען, —

ניין! איך קען עס שוין נישט אַריבערטראָגען! איך האָב נישט קיין טרייסט. איך געפין אין דיינע הייליגע סְפָרִים פאַר מיר קיין טרייסט נישט.

דיינע הייליגע און קלוגע זאָגען: „נישטאָ קיין געבורט אָהן בלוט". צו וואָס אָבער גראַדע דאָס אונשולדיג בלוט? צו וואָס זאָל גראַדע דאָס ריינסטע בלוט פערגאָסען ווערען אום דאָס אונריינע זאָל איבער וועלט און לעבען הערשען?

גרויסער, הייליגער גאָט! עפּעס אַ ניי וואָרט זאָל פון דיין מויל אַרויסגעזאָגט ווערען!

עפּעס אַ ניי ליכט זאָל בעגיסען די שפּיץ־בערג פון ציון!

בעוויז זיך פלוצלינג...



זאָל קומען אין זיין פּאַלאַץ דער האַר וועלכען מיר זוכען...

זאָל דיין בליץ פלוצלינג בעלויכטען די וועלט.

זאָל דיין אמת פלוצלינג פאַר גאָר דער וועלט בעוויזען ווערען.

זאָל דיין גרויסער, הייליגער נאָמען געהייליגט ווערען!

# מיר — די קינדער פון נגוה*)

די האסט אזוי געזאגט צו דיין קנעכט יונה בן אמתי:

„די האסט זיך דערבארימט אויף דעם קיקיון, וואס די האסט אויף איהם קיין מיה נישט געלייגט און האסט איהם נישט געלאזט וואקסען, וואס דורך דער נאכט איז ער געקומען און דורך דער נאכט איז ער פערשוואונדען און איך זאל קיין רחמנות נישט האבען אויף דער גרויסער שטאדט נינוה, וואס האט מעהר ווי צוועלף רבוא מענשען, וואס ווייסען נישט פון רעכטס ביז לינקס און פיל פיה?!"

זענען אבער מיר, די קינדער פון אברהם, יצחק, יעקב, ערגער פון יענע נינוה'ס קינדער? רופען מיר דען נישט צו דיר מיט דער גאנצער קראפט?

און רייסען מיר נישט אונזערע קליידער — רייסען מיר אבער דען נישט אונזערע הערצער?...

ווערען מיר דען נישט גע'הרג'עט, ווייל מיר זענען יודען? ווערען מיר דען נישט גערויבט טאג-טעגלעך, ווייל מיר זענען יודען? זענען מיר דען נישט צו שאנד און צו שפאט אין די מיילער פון אונזערע פיינד, ווייל מיר זענען יודען?

ווי יענע נינוה'ס קינדער, ווייסען מיר אויך נישט „פון רעכטס ביז לינקס". מען בעפאלט אונז גלייך, סיי פון „רעכטס",

*) אויף א מאטיוו פון „כתר שם טוב".



סיי פון „לינקס". מיר זעהען דעריבער נישט אונזער ישועה, נישט אין „רעכטס" און נישט אין „לינקס". מיר זעהען אונזער ישועה נאר אין דיר, אין דיין קראפט, אין דיין מאכט, אין דיין חסד, אין דיין אמת, אין דיין אייביגקייט און וועלכער די האסט אנגעקניפט אונזער אייביגקייט —

ווערסטו אונז דען פערלאזען!

## עבדים היינו *)

די האָסט געזאָגט אין דיין תורה:

„אַז דו וועסט קויפען אַ'עברי פאַר אַ קנעכט — זעקס יאָהר זאָל ער דינען און אין זיבעטען זאָל ער פריי ווערען".

און ווען וועלען מיר פאָרט פריי ווערען?

אַ קנעכט ווערט אויך פריי אין שמיטה, אין יובל, זעה נאָר זעה, וויפיעל שמיטות, וויפיעל יובלות מיר זענען שוין אָפּגעקומען אין פינסטערקייט, אין דלות, אין עלענד, אין פּיין. ווען וועלען מיר פאָרט פריי ווערען? ווען וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען? ווען וועט דיין ליכט אָנהויבען אויף אונז צו שיינען?

אַ קנעכט ווערט אויך פריי, ווען זיין האַר האַקט איהם אויס אַ צאָהן, ווען זיין האַר נעהמט איהם אַרויס אַ'אויג. וועניג זענען מיר דען צוביילט? וועניג זענען מיר פערוואונדעט?

די טויזענד-יעהריגע יסורים האָבען אין אונז קיין איין גאַנצען אֵבר נישט איבערגעלאָזט. איז עס נאָך וועניג?

טויזענדער יאָהרען איז אויף אונז אויסגעגאָסען דיין צאָרן — איז עס נאָך וועניג?

טויזענדער יאָהרען, אַז מיר האָבען נישט קיין פרייע מינוט — איז עס נאָך וועניג?

אין טויזענדער געפענגענישען זענען מיר שוין אויסען

*) אויף א מאָטיוו פון דאָרט.



געוועזען; אין טויזענדער קייטען זענען מיר שוין געבונדען געווען, — איז עס נאָך וועניג?

„און אויב דער קנעכט וועט זאָגען: איך האָב ליעב מיין האַר און מיין פרוי (די דינסט), איך וויל נישט פריי ווערען" — מיר זענען דאָך אָבער נישט ווי יענער קנעכט. מיר ווילען דאָך מיט אַלע כחות פריי ווערען. מיר רייסען זיך דאָך מיט דער גאַנצער נשמה צו בעפרייט ווערען. ווען וועלען מיר פאָרט פריי ווערען?

## „רוף צו די קלאָגערקעס"*)

„רופט די קלאָגערקעס, זאָלען זיי קומען און צו די קלוגע שיקט און זאָלען זיי קומען, און זאָלען זיי איילען, און זאָלען זיי אויפהויבען אויף אונז א קלאָג און אונזערע אויגען זאָלען טרעהרען גיסען, און אונזערע ברעמען — וואַסער".

„עס זענען דאָ היכלות פון געזאַנג. יענע ווערען געעפענט נאָר דורך געזאַנג. פערהאַן היכלות פון טרעהרען. יענע ווערען געעפענט נאָר דורך טרעהרען".

האָבען מיר אָבער דען וועניג טרעהרען פערגאָסען זינט מיר זענען פון אונזער לאַנד פערטריבען געוואָרען?

איז דען נאָך אַלץ נישט פול דער „נאד של דמעות"?

וואו איז דען דאָ אַן אָרט אויף דער וועלט, אויף וועלכען עס איז נישט פערגאָסען געוואָרען אונזער בלוט, און וואו איז דאָ א שטיקעל ערד, וועלכען מיר האָבען נישט זאַט געמאַכט מיט אונזערע טרעהרען?

„און אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו ירמיהו, ווען דער בית-המקדש איז חרב געוואָרען: געה, רוף די אבות און משה'ן. יענע קאָנען גוט וויינען"...

און אונזערע טרעהרען זענען גאָר נישט? און דאָס געוויין פון אייביגע יתומים איז גאָר נישט? און דאָס געוויין פון אומשולדיגע קינדער איז גאָר נישט?

---

*) כנ"ל.



## קול שופר*)

„מיין הארץ ברומט אין מיר, איך קאָן נישט איינשווייגען. דען א קול פון א שופר האָב איך געהערט, מיין זעל — מלחמה-שאַל.

א בראָך נאָך א בראָך איז געקומען, דען האָס גאַנצע לאַנד איז צורויבט געוואָרען, פלוצלינג זענען מיינע געצעלטען צורויבט געוואָרען, אין איין רגע — מיינע פאָרהאַנגען:

ביז וואַנען וועל איך זעהן דעם פלאַג, ביז וואַנען וועל איך הערען דעם קול פון שופר.

א בראָך נאָך א בראָך. פאָגראָמען נאָך פאָגראָמען. שחיטות נאָך שחיטות. אונזער לעבען — הפקר, אונזער גוטס — הפקר. אונזער נאָמען — צו שאַנד און צו שפאָט. אונזער כבוד — מיט די פיס געטרעטען. קלאָג — אָן אויפהער. זיפצען — וואו מען קערט זיך און מען ווענדעט זיך. הענד — אַראָפגעלאָזטע. געמיטער — געפאַלענע.

ביז וואַנען וועלען מיר אַלץ זעהן דעם מלחמה-פלאַג. ביז וואַנען וועלען מיר אַלץ הערען דעם מלחמה-שופר.

ווען וועלען מיר שוין אַן'אַנדער פלאַג זען? ווען וועלען מיר שוין אַן'אַנדער שופר הערען?

ווען וועלען מיר זעהן דעם פלאַג פון אמת'ן שלום? ווען וועלען מיר הערען דעם שופר פון משיח?

---

*) פון דאָרט, — נאָך די שחיטות אין אוקראַינע.

## „גאָט אַליין דאַווענט" *)

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! טהו דו תְּפִלָּה פאַר דיינע קינדער, זיי דו אונזער וואָרט, אונזער געבעט, אונזער גוטס־זאָגער:

„אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף". האָבען מיר נישט קיין מַלְאָךְ־מֵלִיץ פאַר זיך — זיי דו אַליין אונזער מֵלִיץ, ווער ווייסט נאָך אַזוי אונזער עלענד, אונזער פיין אַזוי ווי דו?

„וַאֲנִי — תְפִלָּה"...

„הקדוש ברוך הוא מִצַלִי"...

טו תְּפִלָּה פאַר אונז. מיר אַליין זענען צו־שוואַך פאַר דעם. מיר האָבען שוין נישט יענע אַלטע „יוֹדְעֵי תְּפִלָּה". מיר האָבען שוין נישט יענע, וואָס האָבען געקאָנט זייער האַרץ אויסגיסען פאַר דיר גאַנצע פערציג טעג נאָכאַנאַנד.

אונזערע מֹחות און אונזערע הערצער זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון פיעל גְרוּשים און צרות, אונזערע אויגען זענען אויסגעטריקענט געוואָרען פון טרעהרען, שטום שטעהן מיר פאַר דיר.

„הקדוש ברוך הוא לִבֵּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל".

דו ביזט אונזער האַרץ, אונזער גרעסטער וואונש, אונזער טיפסטע האָפנונג, מיט דיר זענען מיר — אַלץ, אָן דיר זענען מיר — גאָרנישט...

*) כנ"ל.



## מיר און דו — און מעהר קיינער נישט *)

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מיר זענען אין דיין האַנד — כַּחוֹמֶר בְּיַד הַיוֹצֵר.

ווען אַלע קרעפטען פון הימעל און ערד זאָלען אונז וועלען העלפען; ווען מיר זאָלען אָנווענדען אַלערליי מעגליכסטע עצות און תחבולות אין דער וועלט אויף צו אויסגעלייזט ווע־רען; ווען אַלע מענשען פון דער וועלט זאָלען זיין מיט אונז, נאָר דו איינער זאָלסט אונז דיין הילף נישט געבען, — זענען מיר פערלוירען.

זאָלען אָבער אַלע קרעפטען פון הימעל און ערד זיין פעראייניגט געגען אונז; זאָלען אַלע מענשען פון דער וועלט וועלען אונז אומברענגען; זאָלען זיי שטורמען ווי דער ים; זאָלען זיי אָנווענדען אַלערליי מיטלען אין דער וועלט געגען אונז, נאָר דו איינער וועסט זיין מיט אונז — זענען מיר אויסגעלייזט.

וואָס־זשע בעטען מיר ביי דיר?

גיב אין אונז אַריין דעם קלאָרען בעוואוסטזיין פון דעם, אַז מיר זאָלען צו יעדער צייט, אין יעדען שרעקליכען מאָמענט, אין יעדע פינסטערע שעה, קלאָר זעהן עס, געדענקען און נישט פערגעסען, אַז מיר זאָלען האָבען אין יעדען אויגענ־

*) לויט א תפלה פון רבי מאיר'ל אפטער.

בליק דעם הויכען פערשטאַנד פאַר דעם; אַז פאַלשע ליכטער זאָלען אונז נישט פערפירען, אַז פאַלשע תורות זאָלען נישט פערטונקלען דעם בעוואוסטזיין וועגען דיר דעם איינציגען, דעם אמת׳ן, דעם אייביגען.



# פון ערשטען פאָטער ביז׳ן לעצטען גואל *)

גרויסער, הייליגער פאָטער:

וואו איז הער, וואָס זאָל קענען ציילען די נעמען פון אַלע די, וואָס האָבען מיט זייער טויט געהייליגט דיין נאָמען? ווי אַזוי קאָן דיין הימעל-מזבח איינהאַלטען אַזוי פיל נשמה-קרבן עולות? וואו טהוט זיך אַהין דער אַש פון אַלע די, וואָס זענען פערברענט געוואָרען פון דיינעטוועגען? צי זענען דיינע בגדים נאָך אַלץ נישט רויט פון אונזער בלוט, וואָס ווערט פערגאָסען דורך די צוררים, צאַפּעלט און זידט, שרייט און רופט צו דיר, פאַרוואָס ווערט אונזער בלוט נישט אַריינגעבראַכט אין דיין קדשי-קדשים אויף צו פערגעבען אַלע זינד? בלוט פון אָקסען האָסטו יאָ בעוויליגט און אונזער פערגאָסען בלוט בעווילגסטו נישט?..

„ומה זו סמיכה?“, וואָס איז עפּעס פאַר אַ שטיצע, וואָס דו האַלסט אין איין אונטערהאַלטען די הענד פון די, וואָס פערגיסען אונשולדיג בלוט, טויטען דיינע קינדער, קוילען דיינע שעפעלעך?

שאַנד צובּרעכט אונזער האַרץ, מיר זוכען טרייסט — און נישטאָ.

אוי, דו הייליגסטער! ביז וואַנען וועסטו זיך אַלץ איינהאַלטען און צוזעהן ווי אַלע זיצען רוהיג אין זייערע לענדער

*) לויט אַ תפלה פון „חמדת הימים“.

און נאָר דיינע קינדער זענען פערוואָגעלט און פעריאָגט, פעראָרעמט און פערשטויסען? ביז וואַנען וועלען קנעכט אַרומטאַנצען אין דיינע הייליגע פּאַלאַצען און דיינע קינדער — אין דער פרעמד, אין פינסטערען, וויסטען עלענד און פּיין? דערנער לאָזסטו וואַקסען און ווייץ אין דער ערד — פּוילען... דיינע שטילע שפּעלעך האָסטו אין פינסטערע קעלערס אַריינגעזעצט... די צווייגעלעך פון דיינע וויינטרויבען האָסטו געלאָזט פערדאַרען, פערוועלקען, פון ווינט אויסגעקלאַפּט ווערען...

זכריה דיין זעהער האָט פאַר דיר געזאָגט: „ביז וואַנען וועסטו זיך נישט דערבאַרעמען איבער ירושלים און איבער די שטעדט פון יהודה אויף וועלכע דו צאָרנסט צייט זיבעציג יאָהר”.

וואָס זשע זאָלען מיר שוין זאָגען, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין טויזענדער יאָהרען אין גלות און אין געפענגעניש — האָסטו שוין טאַקע אויף אייביג פער'מיאוס'ט יהודה? קענסטו שוין ציון נישט אַריבערטראָגען? ווערט שוין קיין מאָל קיין רפואה נישט זיין צו אונזער מכה? וועסטו אונז אויף אייביג פערגעסען? ברענט דיין צאָרן אַזוי ווי פייער — זאָלען די קוואַלען פון דיינע חסדים לעשען דעם פלאַם. האָבען אונזערע זינד אַ פינסטערען וואָלקען געמאַכט — זאָל דיין גוטער ווינד דעם וואָלקען צויאָגען, זאָלען די שטראַלען פון דיין זון דעם וואָלקען דורכדרינגען, זאָל די הייליגקייט פון דיינע דרייצען מדות דורכלויכטען די רויטקייט פון דיינע דינים, זאָל דער ליכט-טוי וואַשען די פלעקען פון אונזערע זינד, זאָלען די אויבערשטע רחמים אויפגיין אין לבנה-שיין און זאָל הויך אויפגיין די קרוין פון אונזערע אור-עלטערען...

שטעהט אויף איהר ישני חברון פון אייערע קברים, געהט אויף ביז צום כסא הרחמים און טהוט תפלה פאַר אייערע קינדער, וואָס עטעמען קוים אונטער דער בייטש פון'ם פיינד — „ודפקום יום אחד ומתו כל הצאן”...

שטעה אויף דו געליבטער אברהם און בעט: דו האָסט מיר צוגעזאָגט אין ברית בין הבתרים, אַז מיינע קינדער וועלען זיין ווי די שטערען אין הימעל — און ווי זענען זיי היינט?



לאָז זשע נישט מיינע קינדער צווישען לייבען און וועלף, און האָבען זיי געזינדיגט פאַר דיר און זענען חייב שרפה — געדענק, אַז איך האָב זיך געלאָזט ברענען פאַר דיר און האָב דיין נאָמען געהייליגט, דורך מיין שרפה זאָלסטו זייער שרפה אויסמיידען!

שטעה אויף דו יצחק, וואָס דו ביסט אויף דער עקדה געבונדען געוואָרען, גיס דיינע טרערען פאַר דעם דערבאַרעמדיגען פאָטער און בעט: ביז וואַנען וועט ישראל'ס הויז זיין צו שאַנד און צו שפּאָט, שטעל דיך פאַר דיין גרויסען נאָמען, וואָס איז פערשוועכט ביי די פעלקער, און האָבען מיינע קינדער געזינדיגט פאַר דיר און זענען חייב הרג, — געדענק, אַז איך האָב מיין האַלז אויסגעשטרעקט צום חלף און בין גרייט געווען אויפצוגעהן אויפ'ן מזבח פאַר דיר. דורך מיין עקדה זאָלסטו זייער הריגה אויסמיידען!

שטעה אויף דו יעקב איש תם און בעט דעם, וואָס פערנעמט אַלע תפילות: ביז וואַנען וועסטו לאָזען מיינע קינדער זיפצען און קרעכצען אין אָרעמקייט, דחקות און שפלות אין די הענד פון עשו. געדענק וויפיעל איך האָב זיך מוסר נפש געווען צוליעב מיינע קינדער און היינט זענען זיי הפקר פאַר יעדען טויגעניכטס און פאַר יעדען אויסוואורף. העלף זשע פאָרט מיינע קינדער, וועלכע זענען אויך דיינע קינדער. און אויב זיי האָבען געזינדיגט און זיי זענען חייב גלות. — געדענק ווי איך בין לעבען-לאַנג נע ונד געווען, ביי טאָג האָט מיך געגעסען די היץ און ביינאַכט — די קעלט. איך האָב נישט געהאַט קיין שלאָף און קיין רוה. זאָל מיין גלות אויסמיידען דעם גלות פון מיינע קינדער!

שטעה אויף דו משה רועה נאמן, זעה ווי די, וואָס דו האָסט פון מצרים אַרויסגעפיהרט ווערען היינט געשלאָגען און געפּייניגט און פון אַלע ביזוויליגע און הויכמוטיגע אויסגעלאַכט. אוי, דו רועה נאמן! דו ביסט דאָך פאַר דייז לעבען

געווען ווי אַ פּאָטער פאַר יודען. — שטעל זיך יעצט אויך [illegible] אַ פעלז פאַר זיי און בעט דעם האַר:

דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט פון מצרים אויסגעלייזט מיט אַזאַ קראַפט — לאָז עס נישט פון חיות אויפגעפרעסען ווערען. פיהר זיי ווידער מיט דיין רעכטער האַנד אין זייער הייליג לאַנד!

שטעה אויף דו מֶלֶך המשיח און בעט דיין האַר:

ביז וואַנען וועסטו מיך לאָזען אין וועהטאָגען און אין קרענק? ביז וואַנען וועל איך זיין ווי אַ שעפעלע צו דער שחיטה געפירט און ווי אַ שעפּצלע פאַר איר שערער שטום? ביז וואַנען וועל איך אין מיינע קייטען געבונדען זיין? ביז וואַנען וועל איך הערען דעם ביטערען יאָמער פון מיינע קינדער און וועל זיי נישט קאָנען העלפען? בין איך דען פון שטיינער? איז מיין לייב קופער? און וואָס האָט געהאָלפען מיין טויזענדיעהריגער פּיין? און וואָס העלפען מיינע וואונדען, ווען מיינע קינדער ווערען נאָך אַלץ נישט אויסגעלייזט?

געדענק זשע אָן דוִד מיין פאָטער, ציה אויס ישׂראֵל דיין זוהן, וואָס טרינקט זיך אין גרויסען אָפּגרונד. מיינע קינדער, וואָס זענען צווישען גוים אויסגעמישט — ציה זיי אַרויס פון זייער פינסטערניש, די, וואָס זענען זינדיג — לייז אויס פון זינד; די ליידענדע, פערשולדיגטע וועלט זאָל דיין מְלוּכה אָנערקענען, הויב זי און לייטער זי מיט דיין ווילען. בעלויכט זי און בעלעב זי מיט דיין חֶסד!



# אויפ׳ן שוועל פון זעקסטען טאָג *)

פינף טעג האָב איך אָבגעלעבט פאַר דיר — פינף טעג
פון מיין לעבענס-וואָך — פינף צעהנדליגער פון די זיבעציג
מענשענס-יאָהרען.

אויף דער שוועל פונ׳ם זעקסטען טאָג טרעט איך אַרויף
פאַר דיר — אויפ׳ן שוועל פון זעקסטען צעהנדליג — אויפ׳ן
שוועל פון מיין ערב-שבת —

גיב זשע מיר דעם כּח צו ל ו י פ ע ן פאַר דיר אין מיין
ערב-שבת, בכדי איך זאָל קאָנען ש ט ע ה ן פאַר דיר, ווען מיין
ש ב ת וועט אָנקומען...

גיב מיר פלינקייט פון לעבען, קראַפט פון שטרעבען,
הייליגקייט פון ווילען, צו פערריכטען אין מיין עֶרֶב-שבת דאָס,
וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט אין מיינע וואָכען-טעג —

דען איך האָב פּוגם געווען אינ׳ם שורש פון מיין נשמה,
איך האָב פערדאָרבען די צִנורות, איך האָב פערשטאָפּט די
ברונעמס און האָב איינגעהאַלטען די שפע —

דען אַליין, נישט וויסענדיג, וואָס איך טהו, האָב איך
אָנגעריהרט אין די אויבערשטע וועלטען און האָב געהאַקט
צווייגען פון אייביגקייט —

דען איך בין פון דיין אָנגעזיכט דערווייטערט געוואָרען,
ווי אַלע היינטיגע שטערבליכע —

---

*) געשריבען אין סיון תרפ״א, ווען איך בין אַלט געוואָרען פופציג יאָהר.

דען איך בין פון דיר דערווייטערט געוואָרען, אָבער דו האָסט זיך פון מיר גישט דערווייטערט, —

דען איך בין פערבלאָנדזשעט געוואָרען, אָבער דו האָסט מיך שטענדיג געזוכט —

דען איך האָב געבלאָנדזשעט, ווי אַ שעפעלע און דו, מיין הירט, האָסט מיך גערופען —

איך האָב דיין שטים דערהערט און בין אויף דיין רוף געלאָפען —

איך בין געלאָפען און געפאַלען, געלאָפען און געפאַלען, דען מיעד און מאַט בין איך געווען פונ׳ם לאַנגען אַרומבלאָנדזשען אין פרעמדע פעלדער — און מיעד און מאַט בין איך אויך היינט, הייליגער הירט מיינער —

און איך גייה נאָך דיר און איך לויף נאָך דיר, — איך ווער אָבער געשטרויכעלט און פאַל, פאַל, שטעה אויף און לויף ווייטער.

ווען זשע, פאָטער מיינער, וועסטו מיך אָבער אַזוי אויפשטעלען, אַז איך זאָל שוין קיינמאָל נישט געשטרויכעלט ווערען —

ווען וועסטו מיך מיט אַזאַ מאַכט אָנגורטען, אַז איך זאָל אויף קיין רגע נישט מיעד ווערען אין מיין לויפען נאָך דיר.

איך האָב דאָך דיך געפונען, — פאַר וואָס זשע באַהאַלסטו זיך פון מיר?

דו האָסט מיך גערופען, איך בין צו דיר געקומען, — פאַר וואָס זשע פערלאָזטו מיך פלוצלינג?...

איך האָב דאָך דיך געפונען, — פאַר וואָס איז מיין לייב נאָך אַלץ נישט אויסגעלייטערט געוואָרען פון דיין הייליגען פייער?

איך האָב דאָך דיך געפונען, — פאַר וואָס טהוט מיין לייב נאָך אַלץ גלוסטען אַמאָל צו דעם, וואָס איז נישט דו?

ווענען האָב איך אין הימעל און אויף דער ערד אויסער דיר, — פאַר וואָס זשע זוך איך נאָך אַלץ? פאַר וואָס בלאָנדזשע איך נאָך אַלץ?



ווען איך בין פון דיר אַנטלאָפען האָסטו מיך געזוכט און יעצט, ווען איך האָב דיך געפונען, וועסטו דען אַנטלויפען פון מיר?

„אַנטלאָפען" — בין איך אַמאָל פון דיר, טאַקע אַנטלאָפען?

קאָן דען אַ מענש פון זיין גאָט — אַנטלויפען? קאָן דען עמיצער פון זיין גשמה׳ס נשמה אַנטלויפען? קאָן דען עמיצער פון זיין לעבענס לעבען אַנטלויפען?

נאָר דו האָסט זיך פ ע ר ש ט ע ל ט און איך האָב דערום געמיינט, אַז דו האָסט זיך פון מיר דערווייטערט און איך בין פון דיר ווייט.

און דו האָסט גאָר דאַן יעדע רגע פון מיין לעבען געציילט און האָסט פאַר מיר אַ לעבענס־אויפגאַבע געצייכענט —

דו האָסט מיך געלאָזט פאַלען אין יאוש־שאול, כדי איך זאָל מיך פון דאָרט אויפהויבען און זאָל אויך אַנדערע פון דאָרט אַרויסראַטעווען —

דו האָסט מיך געלאָזט פערזוכען דעם טעם פון ספיקות־טויט, בכדי איך זאָל אויפלעבען און אויך אַנדערע מיט מיר אויפלעבען —

דו האָסט מיך געלאָזט אינ׳ם וועלט־זומפ זינקען, בכדי מיין וועהטאָג זאָל געוואַלדיג זיין, בכדי מיין געשריי זאָל צום הימעל צוקומען, בכדי מיין אַרויסרייסען זיך פון דאָרט זאָל רבבות מיטשלעפען —

און ווען יאָ אַזוי, — פאַר וואָס זשע פערלאָזטו מיך אַמאָל, אויך היינט צו זיין איינזאַם־אַליין?

דו, וואָס דו ווייסט יעדען קעהר מיינעם און יעדען ריהר מיינעם, — ווייסטו דען נישט, אַז איך בין נאָך געגוג שוואַך?

דו, וואָס דו בעווייזט מיר דעם בליץ דיינעם, — פאַר וואָס לאָזטו איהם אַמאָל צו פערשווינדען פון מיינע אויגען?

דו לאָזט מיך אין דער פינסטערניש בלייבען, בכדי איך

זאָל נאָך שטאַרקער שרייען צו דיר פון מיין פינסטערניש<br>אַרויס —
ווי זאָל איך אָבער מיין לעבענס־אָנצייכענונג דערפיעלען!
ווי זאָל איך אַנדערע פון פינסטערניש אַרויסציהען, ווען דו
נעהמסט אַמאָל פון מיר אַליין דאָס ליכט צו?
בעגיס זשע מיך מיט דיין ליכט אויף אַלע אייביג־<br>קייטען —
גיב מיר כח צו ערפיעלען אין מיין גרויסען אַרבייטס־<br>טאָג דאָס, וואָס צוליב דעם האָסטו מיך פון שאול געראַטעט —
דיין גייסט זאָל מיך אייביג פיהרען, דיין עצה זאָל מיך<br>אייביג קליגען, דיין ווילען זאָל אייביג מיין ווילען לייטען.



# איך לויף צו דיר *)

איך וויל מיך בעהעפטען אָן דיר מיט מיין גאַנצען האַר־<br>צען, און דאַן וועל איך נישט וויסען פון קיין מאַנגעל און<br>פון קיין טרויער —
מיין לעבען וועט פול זיין מיט דיין גוטסקייט, דען דאַן<br>ווען דו פילסט אָן די נשמה, פערלייכטערסטו איהר משא —
עס קעמפען נאָך אין מיר די אַמאָליגע שמחות, וואָס<br>זענען מעהר נישט ווערט ווי טרעהרען, מיט דעם נייעם טרויער,<br>וואָס פילט מיך אָן מיט פרייד, און איך ווייס נישט ווער<br>פון זיי וועט זיגען —
וועה איז מיר, דערבאַרעם זיך איבער מיר, גאָט מיינער!
וועה איז מיר! איך פערדעק נישט מיין וואונד פאַר<br>דיר —
דו ביזט דער רופא, איך בין דער חולה; דו ביזט דער<br>דערבאַרמדיגער, איך בין דער עלענדער און אונגליקליכער.
וואָס איז דען דעם מענשענס לעבען, אויב נישט שווערע<br>נסיונות, אָהן איין טאָג רוה? —
ווען איך בין פול ליידען בענק איך נאָך דער פרייד<br>און ווען איך בין פול פרייד ציטער איך פאַרן ליידען.
צי איז דען דאָ צווישען דער בענקשאַפט און דעם

---

*) לויט׳ן „ודוי״ פון אויגוסטינוס, מיט שנויים, אַרויסלאָזענדיג דערביי<br>גאַטירליך די ערטער, וואָס זענען נישט אין יודישען גייסט.

ציטער אַ וואַסער נישט איז רוה, אַ וואַסער נישט איז שמחה, אין וועלכער דעם מענשענס לעבען זאָל פריי זיין פון נסיונות?

וועה, וועה אויף דער פרייד פון דער וועלט, וואָס איז אייביג פערמישט מיט פלוצלינג-אָנקומענדען פחד און פערגיפטעטע פערגניגענס!

וועה, וועה אויף דעם צער פון דער וועלט מיט איהר פוסטען שטרעבען צו גליק און מיט איהר שווערער האַרטקייט, וואָס צוברעכט דעם שוואַכען געדולד.

מיין האָפענונג איז דעריבער אָנגעהאָנגען נאָר אָן דיין גרויס רחמים.

גיב זשע מיר כח צו דערפילען דיין ווילען, און ווענד אָן דיין ווילען צו מיר.

איך בלאָנדזשע נאָך אַלץ אין דער פינסטערניש. עס איז שוין אָבער צוגעקומען צו מיר דיין זיס קול, וואָס רופט מיך אומצוקעהרען זיך אַהיים...

איך בין אַן׳עולה רגל, וואָס האָט נאָך אַ לאַנגע נסיעה פאַר זיך און ער גאַרט, וואָס גיכער צו קומען צום לעצטען פונקט פון זיין נשמה-גלוסט.

איך געה, איך געה...

איך הער, ווי דו רופסט מיך...

איך לויף שנעל צו דיין הייליגע וואוינונג. —

נעהם מיך אַריין, פאָטער מיינער, אין דיינע פּאַלאַצען, דען איך בין דאָך דיין פערבלאָנדזשעטע קינד.



# דו, וואָס דו ביזט אַזוי ווייט און אַזוי נאָהנט...

דו האָסט געלאָזט זאָגען דיין הייליגען זינגער: „נאָהנט איז גאָט צו אַלע די, וואָס רופען איהם, צו אַלע די, וואָס רופען איהם מיט אַן׳אמת״ —

רוף איך דיך דען נישט מיט אַן׳אמת? שרייט דען נישט יעדער טראָפען פון מיין בלוט צו דיר? שרייט דען נישט יעדע קעמערל פון מיין נשמה צו דיר?

און וואָס איז עס פאַר אַן׳אמת, וואָס דו פערלאַנגסט איהם? זאָל איך דיך רופען, מיט דיין אמת, מיט דעם אמת פון אין-סוף?...

איך בין דיין שאַפונג און רוף דיך מיט דעם אמת פון אַ בעשאַפענעם. זאָל איך דיך רופען מיט׳ן אמת, וואָס עס פערמאָגט נאָר דער בעשאַפער?..

און ווען איך, דער בעשאַפענער, וואָלט אַפילו פערמאָגט דעם אמת פון אַ בעשאַפער, וואָלט איך דאָך אויך געשאַפען נאָר מיט דעם בעגרענעצטען כח, וואָס דו וואָלסט אין מיר אַריינגעגעבען, — פון וואַנען וואָלט איך אָבער געקאָנט נעהמען העם אמת פון דיר אַליין, פון דיר, דעם אונבעגרענעצטען?

איך שריי צו דיר מיט דער קראַפט פון מיין האַרצען, מיט׳ן גאַנצען וועהטאָג, מיט׳ן גאַנצען שטורם, מיט׳ן גאַנצען פייער, מיט׳ן גאַנצען ווילען, מיט דער גאַנצער חכמה, מיט דער גאַנצער בינה און מיט׳ן גאַנצען דעת פון מיין נשמה, — זאָל אָט דאָס אַלץ נאָך ווייניג זיין?

אוּן פערלאַנגסטוּ פוּן מיר אַ נאָך גרעסערען אמת, וואוּ זאָל איך אָט יענעם אמת נעהמען, ווען דוּ בעוויזט מיר איהם נישט, אָדער מיין נשמה, מח אוּן האַרץ זענען צוּ נישטיג אויף אויפצוּנעהמען איהם, ווען דוּ בעוויזט מיר איהם יאָ?

איך גיב דיר אַוועק מיין נשמה, מיין גוּף, מיין ליכט, מיין לעבען, — איך קאָן דיר מעהר נישט געבען...

אוּן ווילסטוּ פוּן מיר נעהמען מעהר ווי איך קאָן דיר יעצט געבען מוּזטוּ די ווענד פוּן מיין נשמה צוּשטויסען... מוּזטוּ אַלע איהרע טהירען אוּן פענסטער פיעל ברייטער פונאַנדערפענגען פאַר דיר, אוֹר אין סוֹף.



## צווישען פייערן *)

דוּ ווייסט דאָך, אַז מיין האַרץ געהט אויף אין פלאַם פייער, דוּ זעהסט דאָך דעם פלאַקער, וואָס ברענט דאָרט.

דוּ ווייסט דאָך, אַז צייטענווייז געהט אויף מיין האַרץ צוּ דיר אוּן נאָר צוּ דיר, אָבער צייטענווייז...

צייטענווייז, אוי וועה, טאַטע האַרציגער, ברענט מיין האַרץ אין תּאוות פוּן דער וועלט...

איך געה אַריבער פוּן פייער צוּ פייער: פוּן הימעל־פייער צוּם פייער פוּן אַ בשר ודם...

איך געה אַריבער פוּן דיין הייליג פייער צוּם גיהנם־פייער...

דאַן אַנטלויף איך ווידער פוּנ'ם גיהנם־פייער צוּם פייער פוּן דיין אמת —

אוּן אַזוי געה איך אוּן אַזוי בלאָנדזשע איך צווישען פייערן — וואוּהין זאָל איך פוּן זיי אַנטלויפען?

„איך ציטער, אַז ס'זאָל מיך נישט פערברענען דער גרויסער פייער"

אי דער פייער פוּן מיין ליבשאַפט צוּ דיר, אי דער פייער פוּן מיינע פליישׁ־תאוות,ביידע שטייגען אַריבער יעדע מאָס, — מיין גוּף קאָן זיי נישט אויפהאַלטען, מיין האַרץ קאָן זיי נישט אַריבערטראָגען...

---

*) לויט רבי נתן שטערענהארץ אין זיין „לקוטי תפלות".

און אַזוי גײה איך אום נע ונד אין אַ װיסט לאַנד און האָב קײן רוה נישט —

איך בין װי אַ שיף, װאָס װערט געשלײדערט אינ'ם האַרץ פון ים —

איך שטײג צום הימעל, נידער צו אָבגרונדען, גײה אַרויף און נידער אַראָב, נידער אַראָב און גײה אַרויף...

איך װער געשטויסען פון אָבגרונד צו אָבגרונד, פון כוואַליע צו כוואַליע, אין די װעלען־טיעפעניש.

פערלעש דאָך נישט דעם פײער פון מײן גײסט...

פון ים־טיעפעניש שרײ איך צו דיר: העלף!

שיק דײן גײסט, דײן הײליג גײסט, דײן מְנוּחה־גײסט...

זאָל שװעבען אַ שטיל װינטעל פון גאָט איבער מײן האַרצען, אום עס זאָל שטילער און רוהיגער בלײבען —

זאָל שװעבען אויף מײן האַרצען אַ שטיל װינטעל פון גאָט, אום דאָס הימעל־פײער אין מיר זאָל אויך ברענען מיט אַ מאָס —

אום דאָס פײער זאָל נישט פערברענען די כלי אין װעלכער [illegible] געפינט זיך!..



# חסד, חסד! *)

גאָט, מײן גאָט, גיב מיר אַנ'עצה, שיק מיר אַ ישועה, שענק מיר רחמים!

שענק מיר דעם װאונדער פון לעבען, אַז איך זאָל נישט זײן װי אַ מֵת לעבעדיגערהײד...

גיב מיר אַ חֶסֶד, װאָס איך בין גאָר נישט װערט.

גיב מיר חֶסד נישט נאָך מײנע מיאוס'ע מעשים און צומישטע דֵעוֹת —

האָב רחֵמנות אויף מײן שטאַרק אונגליקליכער נשמה —

האָב רחֵמנות אויף דער נְקודה פונ'ם גוטען, װאָס געפינט זיך אין מיר, אום זי זאָל נישט פערטרונקען װערען אין דער טיעפעניש פונ'ם בײזען —

האָב רחמנות אויף דעם שטראַהל פון דײן ליכט, װאָס לײכט אין מיר, אויף דעם פונק פון דײן פײער, װאָס ברענט אין מיר.

פאָטער אין הימעל!

דו, װאָס דו האָסט רחמנות אויף אָרעמע לײט, דו, װאָס דו הערסט דעם געשרײ פון אֶבְיוֹנִים —

דו, װאָס דו זעהסט דעם עלענד פון עלענדע, דעם פײן פון בעלײדיגטע און דערנידעריגטע, דו, װאָס דו הערסט און פערנעהמסט דעם געשרײ, װאָס קומט אָן צו דיר פון שְׁאוֹל־תַּחְתִּית און נאָך נידעריגער פונ'ם שאול תחתית —

*) פנ"ל.

צי איז דען דאָ אַנ'אָרט פון וועלכען עס זאָל נישט דערגרייכען צו דיר וועה און זיפץ, קרעכץ און טרעהר?

הערסטו דען נישט, וואָס איך שריי צו דיר פון מיין פינסטערן, טיעפען גרוב?

דערבאַרעם דיך אויף אַזאַ עלענדען נפש ווי איך, אויף אַזאַ שווער-געמיט ווי איך, אויף אַזאַ צובראָכען כלי ווי איך.

דאָס גוטע, וואָס איז דאָ אין מיר, איז געבונדען אין דער טורמע פון וועלט און צייט —

טויזענד-טויזענדער מחיצות, אייזערנע מויערען, אייזערנע טויערן מיט אייזערנע שלעסער פערשלאָסען, רינגלען מיך אַרום —

טויזענד-טויזענדער פון אויבען און פון אונטען קוקען אויס יעדען טראָט מיינעם און לאָזען מיך נישט אָבטרעטען —

וועה איז מיר, וועה און ווינד איז מיר —

וועה צו די יאָהרען און טעג, וואָס געהן אַוועק אויף ברעכען די מחיצות און זיי בלייבען דאָך אויפ'ן אָרט שטעהן —

צו דיר איז מיין וועה-געשריי, צו דיר מלא רחמים — נויג צו דיין אויער און הער, עפען אויף דיין אויג און זעה ווי וויסט איך בין!



# זאָג זשע נשמה מיינע... *)

זאָג זשע, נשמה מיינע, צו גאָט:

איך בין דאָך דיין טאָכטער, דעם קעניג'ס טאָכטער —

פאַר וואָס זשע האָסטו מיך פערטריבען פונ'ם קעניג'ס הויף אום צו קלויבען זאַנגען אין פעלד און צו אַרבייטען מיט'ן שוויס פון פנים?

צו וואָס האָסטו מיך אַראָבגעשיקט פון די אָוועָנד-שטערן אויף צו וואַלגערן זיך אין מיסט?

איך געדענק גוט מיין הימעל-משפחה און מיין פאָטערס-הויז און ווייס נישט ווער עס האָט מיך אַהער געבראַכט...

צו וואָס האָסטו מיך פערשעמט, פאָטער מיינער, אום איך זאָל מיך אין אַ הילע איינהילען און מיט אַ שלייער בעדעקען?

וואָס האָסטו מיר געטהון, פאָטער-קעניג, מיט דיין דערווייטערען מיין וואוינונג פון דיין פאַלאַץ און לאָזען מיך וואוינען צווישען פרעמדע, וואָס איך קען זיי גאָר נישט?

צו וואָס האָסטו צום עזאזל אַוועקגעשיקט אַ הימעל-אינדין, וואָס איהר פוס האָט קיינמאָל די ערד נישט אָנגעריהרט?

דער אַלמעכטיגער האָט מיך פערקויפט, מיין שעפער האָט מיך דערצאָרנט און האָט מיר געגעבען ערד צו עסען און שטיינער צו קייען —

*) לויט רבנו בחיי, בדרשי און אנדערע.

מיין פאָטער האָט מיר אין פּנים אָנגעשפּיגען אום צו דערנידעריגען מיך —

וואָס האָב איך דאָ צו טהון, איך — אָרעמע, פון שטורם געבראָכענע, פערטריבענע און פערוואָגעלטע? צו וואָס האָסטו מיך געלאָזען דאָ טמא ווערען, אַוועקגעהן פון מיין האַר, געהן נאָכ'ן בייזען און אין זיין שאַנד-נעץ געפאַנגען זיין?

וואו איז מיין שענהייט אַהין געקומען, וואו איז מיין גלאַנץ? וואו איז מיין פּראַכט?

צו וואָס האָסטו מיך געלאָזען אַרומלויפען מיט די האַנד אויפ'ן קאָפּ, אין שוואַרצען אָנגעטהון, פעריאָמערט, פערקלאָגט און פון אַלע פריינד פערלאָזט?

צו וואָס האָסטו מיך פערשליידערט אין כּף-הקלע, ווען איך בין געווען אין דיין אייביגען לעבען איינגעבונדען?

פונ'ם חכמה-קוואַל בין איך גענומען געוואָרען, אין דער בינה-וועלט בין איך געצייכענט געוואָרען, אינ'ם געטליכען דעת בין איך געפורעמט געוואָרען, פונ'ם הייליגען אָרט בין איך געברענגט געוואָרען און פון דער גבורים-שטאָדט בין איך אַרויסגעצויגען געוואָרען —

צו וואָס?

אויף צו פערשטויסט ווערען, פערערדיגט ווערען, אין אָבּגרונדען זינקען און דאָרט אין בענקשאַפט און אין טרעהרען אויסגעהן?



# דבקות *)

קום נאָר צו מיר, דו, וואָס מיין נשמה ברענט אין חשק צו דיר —

קום נאָר, איינזאַמער, צו מיר, דעם איינזאַמען, דען אַליין בין איך, ווי דיינע אויגען זעהן —

קום נאָר צו מיר, דו, וואָס דו האָסט מיך איבערגעלאָזט פעריתומ'ט און פערלאָזען אין דער גרויסער קאַלטער וועלט דיינער —

קום נאָר צו מיר, דו, וואָס דו ביזט געוואָרען מיין איינציגער בעגעהר אין לעבען און דו האָסט מיין שטרעבען צו דיר אונפערגלייכליך גרויס געמאַכט —

קום נאָר צו מיר, אָטעם מיינער, חיות מיינער, טרייסט פון מיין נשמה, איינציגע פרייד מיינע, איינציגע הערליכקייט, איינציגער אָנקוועל פון מיין לעבען!

איך האַנק דיר פאַר דעם, וואָס אָהן גלגולים, אָהן אומ-בייטענישען און אָהן איבערענדערונגען, ביזטו מיט מיר געוואָ-רען איין גייסט, און זייענדיג דער גאָט, וואָס איז איבער אַלץ, ביזטו מיר געוואָרען אַלץ — אין אַלץ.

דיין גייסט — בעהאַלטענער, פערהוילענער, ברייט, וואָס קאָן נישט פערצעהרט ווערען, וואָס ווערט צוגעקלעבט צו די

*) לויט א בעזאנג פון שמעון טעאָלאָג (1100—1178), וואָס איז געבראַכט געוואָרען אין מארטין בובערס „עקסטאַטישע קאָנפעסיאָנען” מיט קצורים און שנויים.

לעפּצען פון מיין נשמה און, וואָס געהט איבער אַלע ברעגען פון מיין האַרצען.

איך דאַנק דיר, גאָט מיינער, פאַר דעם, וואָס דו ביזט געוואָרען פאַר מיר טאָג אָהן נאַכט און זון אָהן אונטערגאַנג: דו פערבאָרגסט זיך פון אונז נישט, דען דיין שְכִינה פיעלט אָן אַלע וועלטען.

קיינמאָל האָסטו זיך פון קיינעם נישט פערבאָרגען, נאָר מיר אַליין פערבאָרגען זיך פון דיר, ווייל מיר ווילען צו דיר נישט קומען.

און וואָרום זאָלסטו זיך פון אונז פערבאָרגען, דו, וואָס דו פערשעהמסט קיינעם נישט און פער׳מיאוס׳ט קיינעם נישט?

און וואו זאָלסטו דען רוהען, דו, וואָס אַלע וועלטען קאָנען דיך נישט אויפהאַלטען?

אָבער דאָס, וואָס מיליאָנען וועלטען האַלטען נישט אויף, האַלט אַמאָל אויף דאָס האַרץ פונ׳ם מענשען — זאָל זשע מיין האַרץ זיין אַנ׳אָרט פאַר דיר! זאָל מיין האַרץ זיין — אַ געצעלט פאַר דיין הייליגקייט.

קום זשע אַריין אין דיין געצעלט, קום אַריין אין מיין האַרצען, רוה אין מיר און איך — אין דיר...

שייד זיך נישט אָב פון מיר אויף קיין איין רגע פון מיין לעבען, און ווען דער טאָג פון מיין טויט וועט קומען זאָל איך מיך אין דיר געפינען, דו, לעבען פון אַלע לעבענס.

פערלאָז מיך נישט אויף קיין רגע, אום מיינע פיינד זאָלען מיך נישט אָנטרעפען, ווען דו ביזט ווייט פון מיר, און זיי זאָלען מיין זעל נישט פערצוקען —

זיי נאָר מיין פעסטער שוץ. אויפשטעלענדיג אין מיר דיין געצעלט, וועל איך פון גליק רייך זיין אין מיין אָרעמקייט און מיט לעבען זאַט זיין אויך ביי מיין טויט.

שטעל נאָר אויף דיין געצעלט אין מיר, וועל איך זיין העכער און שטאַרקער פון יעדען קעניג, דען דו ביזט מיין ברויט און מיין וואַסער און ווען איך געה אויף אין דיר לעב



איך שעות פון גליק, וואָס קיין מענשען-שפּראַך קאָן איהם נישט אַרויסזאָגען.

איך האָב קיין ווערטער נישט, דען דאָס, וואָס קומט פאָר אין מיר זעהט נור דער גייסט, אָבער ער קאָן עס נישט אויפקלערען.

ער בעגרייפט יאָ די זאַכען, אָבער דער אויסדרוק פעהלט איהם.

ער זעהט דאָס, וואָס ס׳קאָן נישט געזעהן ווערען, דאָס, וואָס האָט קיין געשטאַלט נישט, וואָס ווערט נישט צוזאַמענגעזעצט, די גרויסקייט פונ׳ם אונענדליכען.

דער גייסט זעהט דאָס, וואָס האָט קיין אָנפאַנג נישט, וואָס האָט קיין ענדע נישט און האָט קיין מיטען נישט און ער ווייס נישט ווי אַזוי אַרויסצוזאָגען עס —

דו ביזט דאָס פייער, וואָס פון איהם צינדט מען אָן אַלע ליכטער פון אייביגקייט ביז אייביגקייט און דאָס פייער ווערט נישט געמינערט —

דו ביזט דאָך דאָס קדמון-ליכט, וואָס ווערט נישט געטיילט און אָט זעגען די פיעל ליכטער, וואָס ווערען יאָ געטיילט, דיין קראַפט אין זיי און אין דיין קראַפט — זייער בעוועגונג.

דו ביזט דאָס גרויסע קדמון-ליכט, וואָס ווערט אַריינגענומען אין מיין אָרעם האַרץ און איך קאָן איהם קיין נאָמען נישט געבען.

איך האָב מיר דאָס שווייגען אויסגעוועהלט, אָבער דאָס וואונדערבאַר-פירכטערליכע בעפעהלט מיין מויל און מיין פעדער: רייד און שרייב!

אָט איז ער אין מיין וואוינונג, אָט איז ער אין מיר, אָט איז ער אין זיין געצעלט, אָט איז ער אין מיין האַרצען, — דער, וואָס איז אין אַלע וועלטען.

איך זיץ מיר אויף מיין בעטעל, און אַז ער איז אין מיר בין איך אויך אויסער אַלע וועלטען —

צו איהם, וואָס אַלץ איז זיינס און די אייביגקייט איז

זיינס, האָב איך די העזה צו זאָגען: „איך האָב דיך ליעב״, דען אויך ער האָט מיך ליעב...

איך ווער זאַט מיט מיין אָנשויען, איך ווער פערהילט און פערדעקט אין איהם, און, פעראייניגענדיג זיך מיט איהם, שוועב איך איבער אַלע הימלען.

איך ווייס פעסט, אַז ס׳איז אַזוי, נאָר וואונדערן וואונדערט מיך זעהר — וואו איז מיין קערפער אַהין געקומען?

איך ווייס, אַז איך זעה דאַן דאָס, וואָס קיין לייב קאָן עס נישט זעהן.

איך ווייס, אַז דער, וואָס איז איבער אַלץ, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען, נעהמט מיך אויף אין זיך, אין שאָטען פון זיין האַנד בעהאַלט ער מיך און אויסער אַלע וועלטען שטעלט ער מיך.

איך, דער פערגענגליכער, דערזעה אין מיר דעם פאָטער פון אייביגקייט, דאָס לעבען, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פער־אירט.

דאָס וואָרט לעבט דאַן אי אין מיין האַרצען, אי אין הימעל: דאָס ליכט איז איינס אי דאָ, אי דאָרט.



## סיעפסטער וואונש *)

צו דיר מיין פלייש, צו דיר מיין בלוט,
צו דיר מיין ליעבע, צו דיר מיין גליט.
צו דיר מיין שטעהן, צו דיר מיין געהן,
צו דיר מיין זיין, צו דיר — מיין פערגעהן.
צו דיר מיין זעהן, צו דיר מיין הערען,
צו דיר מיין ווענדען, צו דיר מיין קעהרען.
צו דיר מיין היינט, צו דיר מיין מאָרגען,
צו דיר מיין פרייד, צו דיר מיין זאָרגען.
צו דיר מיין געדאַנק, צו דיר מיין געזאַנג,
צו דיר מיין שאַלען, צו דיר מיין קלאַנג.
צו דיר מיין שרייען, צו דיר מיין ברומען,
צו דיר מיין רעדען, צו דיר מיין שטומען.
פון דיר מיין געשטאַלט, פון דיר מיין פורעם,
פון דיר מיין חשק, פון דיר מיין שטורעם.
פון דיר אָטעם, פון דיר בעגעהרען,
פון דיר בוי, פון דיר — צושטערן.

*) לויט דעם ערשטען און לעצטען טייל פון אבן־עזרא׳ס א בקשה, דעם סדר, דעם ריטם, דעם קלאַנג, ווי אויך פיעל פונ׳ם איגהאַלט — געענדערט.

איך בין דער מִזְבֵּח, איך בין די רינד,
איך בין — קָרְבָּן פאַר מיינע זינד.
דו ביזט מיינס ביים לעבען, מיינס נאָכ׳ן טויט,
עס שרייט צו דיר מיין עלענד, עס יאָמערט מיין נויט,
ווי פון אַ געווינערין קומט אָן מיין וועה פאַר דיר,
ווי אַ פינסטערער אֶבְיוֹן קלאַפּ איך אין דיין טהיר.
זיי מיין פעסטונג, זיי מיין מויער,
פערנעהם מיין געבעט, זעה מיין טרויער.
איך אָהן דיר, — וועה מיר און ווינד!
איך אָהן דיר, — אַ שטרוי געיאָגט פון ווינד.
דרינג דורך די קערפּער-וואַנד,
שטרעק מיר אויס דיין רעכטע האַנד.
בעלייכט מיין וועג און שטעג,
בעגייסטער מיינע נעכט און טעג.
פערטרינק מיינע זינד אין ים פון מיינע טרעהרען,
הויב אויף מיין תפלה איבער דיינע שטערען.
ווען עס קומט אָן צו דיר מיין שולד-צייגניש, פערטיליג זי,
ווען עס קומט אָן צו דיר מיין תְּשׁוּבָה — בעוויליג זי.
ווען עס וועט מיין לעצטע שעה שלאָגען,
לאָז מיך נישט לאַנג זיך פּלאָגען.
ווען איך וועל פון וועלטס-טויער געהן,
זאָלען דיינע מלאכים מיר אַנטקעגען געהן.
זאָלען זיי מיך אַריינפיהרען אין דיינע הייליגע הֵיכָלוֹת.
ווען מיין נְשָׁמָה וועט פריי זיין פונ׳ם קערפּער-גלות.
ווען מיין נְשָׁמָה וועט אין דיין עֵדֶן אַריין,
בעגיס זי, בעשטראַהל זי מיט שְׁכִינָה-שיין.
מיין סֻכָּה זאָל זיין אין דיין בעהאַלטען ליכט,
מיין רוה, — אין פּראַכט פון דיין אַנגעזיכט.



# העלף אונז *)

דו, פאָטער, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגען דיין פאָלק פון מצרים און האָסט איהם געבּרענגט אין דיין הייליג לאַנד —
קעהר אונז אום אין אונזער מוטער-לאַנד!

צוליב אונזער אויסלייזער, אונזער מָשִׁיחַ, וואָס וועט אויפוועקען די, וואָס שלאָפען אין זייערע קְבָרִים, —
לעב אויף אונזער מוטער-לאַנד!

צוליב אונזערע עלטערען אַבְרָהָם, יצחק און יעקב, וואָס זענען געפּרובט געוואָרען, געלייטערט געוואָרען, געלערנט געוואָרען און דערמאָהנט געוואָרען אין יענץ לאַנד —
קעהר אונז אום אין אונזער מוטער-לאַנד!

דו, מִיכָאֵל דער גרויסער האַר, דער „שר" פון אונזער פאָלק, בעט רחמים פאַר אונז!

דו, אֵלִיָּהוּ „מַלְאַךְ הַבְּרִית", וואָס דאַרפסט קומען „צו צוריקקעהרען די הערצער פון די עלטערן צו די קינדער און די הערצער פון די קינדער צו זייערע עלטערן", קום נאָר צו מאַכען רוהען דעם שלום צווישען אונז!

דער „רויטער יונג מיט די שענע אויגען", וואָס האָט אַמאָל גרויס געמאַכט און ברייט געמאַכט אונזער מלוכה, זאָל נאָך אַמאָל פיהרען אונזערע מִלְחָמוֹת!

דאָרט האָט גאָטס ליכט געשיינט, — דאָס ליכט וועט ווידער שיינען...

דאָרט האָט גאָטס פייער געברענט, — „מיט פייער וועט ירושלים ווידער געבויט ווערען"...

דאָרט האָט אַ פאָלק געלעבט, — ישראל קעהרט אין זיין לאַנד צוריק.

---

*) די ראַהם פון דער זאַך — ביי מיצקעוויטשען, דער יודישער איבּהאַלט—מיינער.

„דוד מלך ישראל חי וקים" — וואַך אויף פון דיין שלאָף, פיחר ווידער דיין פאָלק, בעגייסטער איהם מיט דיין גבורה.

גאָט פון אונזערע עלטערן! גיב אַריין אין אונז די גבורה פון שמשון, גדעון און יפתח!

דעם מוט פון חשמונאים, בר-כוכבא און רבי עקיבא גיב אַריין אין אונז!

דעם גייסט פון יוחנן מגוש חלב און אַנדערע בעשיצער פון יהודה ברענג אַריין אין אונז!

די הייליגקייט פון רבי שמעון בן יוחאי, די חכמה פון רבי מאיר און די חסידות פון רבי יהודה ברענג אַריין אין אונז!

צוליב די געפייניגטע און געקוילעטע דורך נבוזרדן און נבוכדנצר — העלף אונז!

צוליב די געפייניגטע און געקוילעטע דורך אנטיוכוס — העלף אונז!

צוליב די געפייניגטע און געקוילעטע דורך אספסינוס און טיטוס - העלף אונז!

צוליב די געפייניגטע און געקוילעטע אין די טעג פון אדרינוס, אין די „ימי השמד", — העלף אונז!

צוליב די געפייניגטע און געקוילעטע אין אַלע טויזענדער גלות-יאָהרען — העלף אונז!

צוליב די אַריינגעוואָרפענע אין די פלאַקערען פון אויטאָ-דאַ-פע — העלף אונז!

צוליב די געפייניגטע אין די אינקוויזיציע קעהלערען — העלף אונז!

צוליב אַלע די, וואָס פלעגען זיך בעהאַלטען אין די פינסטערע היילען אום צו דינען גאָט — העלף אונז!

צוליב אַלע אונזערע, יודישע, קדושים, וואָס זענען געפייניגט געוואָרען דורך די נוסעי-הצלב — העלף אונז!

צוליב אַלע אונזערע, יודישע, קדושים, וואָס זענען פער-פייניגט געוואָרען דורך די חמעלניצקעס, גאָנטעס, פעטלורא'ס, מאַכנאָ'ס, באַלאַכאָוויצעס — העלף אונז!



צוליב די צעהנ-טויזענדער יודען, וואָס זענען אונטער די מעסערס פון די פאָגראָמען-מאַכערס אין רוסלאַנד אומגעקומען — העלף אונז!

צוליב די הונדערט-טויזענדער יודען, וואָס זענען דורך די היידאַמאַקעס-רוצחים געשאָכטען געוואָרען — העלף אונז!

משיח בן דוד! צורייס מיט געוואַלד די קייטען, מיט וועלכע דיינע הענד זענען געבונדען, גורט אָן דיינע לענדען, שטעה אויף מיט'ן אַלמעכטיגסטענס פח און — העלף אונז!

# אַהין, אַהין...

דאָרט, דאָרט שטעהט אַ וואַנד, — ווי רייסט זיך אַהין מיין נשמה.

דאָרט, דאָרט איז אַ הויז געשטאַנען, — וואו איז יענץ הויז?

דאָרט, דאָרט האָט זיך גאָטס געזאַנג געהערט, — וואו איז יענץ געזאַנג?

דאָרט, דאָרט האָט גאָטס ליכט געשיינט, — וואו איז יענץ ליכט?

דאָרט, דאָרט האָט גאָטס פייער געברענט, — וואו איז יענץ פייער?

דאָרט, דאָרט האָט אַ פאָלק געלעבט, — וואו איז יענץ פאָלק?

גייסטער פערוויינטע, פערטרויערטע, שוועבען אַרום יענער וואַנד, — טראָג זיך, מיין גייסט, אַהין, אַהין...

כּוס אין הימעל פול מיט טרעהרען, — נעהם־צו מיין טרעהר...

ווינטעל פון תשעה־באב־נאַכט, — טראָג מיין זיפץ אינ׳ם טרויער אוצר...

נשמות, וואָס וואָגלען אויף די אַלטע ליעבע קברים, — וואָס הערט איהר? וואָס ברענגט איהר?

צי האָט שוין דער פאָטער זיינע קינדער דערמאָהנט? צי קעהרט ער זיי שוין צו זיין טיש צוריק?



צי איז שוין ישראל׳ס מוטער געטרייסט, צי איז שוין די שכינה ערלייזט?

צי בעווייזט זיך שוין באַלד די אילת־השחר? צי בעוויזען זיך שוין באַלד די ערשטע שטראַהלען, וואָס צוטרייבען דעם חושך?

צי הערט מען שוין נישט אַרום דער וויסטער וואַנד אַ בענייטען געזאַנג פון כּרובים?

צי פליהען שוין נישט פון דאָרט וואַנדער־פויגעל, וואָס טראָגען די בשורה פון גאולה?

צי זעהט מען שוין נישט אויף ציונ׳ס בערג די ערשטע שפורען פון משיח?

צי הערען זיך שוין נישט פון דאָרט די ערשטע קולות פון שופר?

צי הערען, צי פיהלען די ישני־חברון אונזער צער, אונזער פיין?

צי וויינען זיי, צי בעטען זיי פאַר זייערע צוזייטע און צושפרייטע קינדער, וואָס וואַנדערען אַרום עלענד־יתום טויזענדער יאָהרען?

צי האָבען זיי געהערט דעם לעצטען געשריי, דעם לעצטען קרעכץ, דעם וועה, וואָס האָט קיין ווערטער נישט?

צי וויסען זיי פון דער ערוואַכטער האָפנונג, פונ׳ם ליכט־שטראַהל, וואָס האָט אין די פינסטערע קעלערס אַריינגעשיינט?

אָבגרונד־טיעף איז אונזער וועה; הימעל הויך איז אָבער אויך די ערוואַכטע האָפנונג — צי קומט אָן אַהין אונזער קלאָג, אונזער טרייסט?

טראָג מיך, מיין גייסט, צו יענער הייליגער וואַנד, צו יענע שוועבענדע נשמות, צום ווידער־קול פון די אַלטע דורות.

לאָמיר דאָרט הערען, לאָמיר דאָרט זעהן...

דאָרט איז אַ הויז געשטאַנען, — זעה דעם ווינקעל־שטיין פון אַ ניי־הויז...

דאָרט האָט זיך גאָטס געזאַנג געהערט, — הער די שירה פון לעתיד לבוא...

# יחידים-תפלה *)

אור האורות, קדושת הקדושות, אמת'ער אמת, גרויסער, הייליגער פאָטער פון גאָר דער וועלט! גרויסער, הייליגער פאָטער פון כל ישראל! פיהר אונז אַרויף אויפ'ן ריכטיגען, ליכטיגען וועג אין וועלכען עס זענען געגאַנגען אונזערע הייליגע אבות און נביאים. זיי אונז מזכה, גרויסער, הייליגער פאָטער אונזערער, אַז מיר זאָלען קענען לעבען מיט'ן גרויסען הייליגען אמת, מיט דער גרויסער פשטות און גרויסער תמימות פון יעקב אבינו עליו השלום, דורכגעלויכטען מיט'ן גרויסען הייליגען דעת פון משה רבינו עליו השלום, וואָס דאָס איז דער דעת פון כל ישראל. היט אונז אָב, גרויסער, הייליגער פאָטער אונזערער, פון יעדע מינדסטע פניה, פון יעדע מינדסטע תאוה און פון יעדע מינדסטע טומאה. קדוש, קדוש, קדוש זאָל אונז הייליגען מיט זיין קדושה. ער זאָל זיין מיט אונז, אַרום אונז און אין אונז. ער זאָל מאַכען רוהען זיין שכינה צווישען אונז.

גרויסער, הייליגער פאָטער פון גאָר דער וועלט! גרויסער, הייליגער פאָטער פון כל ישראל! גיב אין אונז אַריין ליבשאַפט, אַז מיר זאָלען זעהר שטאַרק ליעב האָבען אַלע דיינע בעשעפענישען, אַלע מענשען, בעזונדערס דיין גרויסען הייליגען פאָלק ישראל בכלל און יעדען איינציגען יודען בפרט.

אור האורות! שיק אַריין דיין ליכט אין אונזערע נשמות, אין אונזערע מוחות און אין אונזערע הערצער. מיר זאָלען דורכגעלויכטען ווערען מיט'ן אור העליון און מיר זאָלען פער-

*) געבעטען געוואָרען אין אַ קליינעם קרייז פון יחידים, ר"ח שבט תרפ"ד.



שפרייטען דיין הייליגען ליכט אַרום אונז. עס זאָל אַריין אַ ניי ליכט אין אַלע יודישע נשמות, זיי זאָלען אויפגעוואַכט ווערען צו אַ נייעם, ריינעם און הייליגען לעבען און מיר זאָלען זיין איינינגע פון די, וואָס ברענגען דאָס ליכט און שטעלען אויף סכת דוד הנופלת.

רבונו של עולם! העלף אונזער קליינעם קבוץ. העלף אונז צו לייגען דעם אבן הפנה, אויף וועלכען עס וועט אויפגעשטעלט ווערען דער בנין האומה. מיר זאָלען זוכה זיין צו דערפילען אין אַלץ און אין אַלעמען דיין הייליגען ווילען און מיר זאָלען זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים און ביאת משיח במהרה בימינו אמן.

# בן-דוד

שטערען זאָגט צו שטערען: ער לעבט, ער לעבט!
וואָלקען — צו וואָלקען: ער שוועבט, ער שוועבט!
וויג[illegible]ן צו ווינטען: טראָג, טראָג, טראָג!
שחר צו שחר: טאָג, טאָג, טאָג!
באַרג זאָגט צו באַרג: ער שטעהט! ער שטעהט!
וועג זאָגט צו וועג: ער געהט! ער געהט!
שטויב זאָגט צו שטויב: זיינע טריט! זיינע טריט!
גייסט זאָגט צו גייסט: זיין געמיט, זיין געמיט!
[illegible]אָז זאָגט צו גראָז: שטילערהייט, שטי[illegible]ערהייט!
[illegible]אַלד זאָגט צו װאַלד: זיי גרייט! זיי גרייט!
ים זאָגט צו ים: עס ציטערט דער לויתן!
הימעל זאָגט צו ערד: עס קומט אָן דיין חתן!



# משיח-תפלות און שכינה-געזאַנגען.

## א.

## אֵלִי אֵלִי... *)

**א.** דעם זינגמייסטער. אויפ׳ן פריהמאָרגן-הינדין. געזאַנג פון דוד׳ן.

**ב.** מיין גאָט! מיין גאָט! וואָרום האָסטו מיך פערלאָזען? וואָרום זענען מיינע געשרייען אַזוי ווייט פון מיין הילף?

**ג.** מיין גאָט! איך שריי בייטאָג, איך שווייג נישט ביי-נאַכט, און דו ענטפערסט נישט —

**ד.** און דו, אַלערהייליגסטער, וואָס דו רוהסט אין די לויבגעזאַנגען פון ישראל —

**ה.** אויף דיר האָבען זיך פערזיכערט אונזערע עלטערן; אויף דיר האָבען זיי זיך פערזיכערט און דו האָסט זיי געלאָזט אַנטרינען.

**ו.** צו דיר האָבען זיי געשריען און זענען אַנטרונען גע-וואָרען, אויף דיר האָבען זיי זיך פערזיכערט און זיי זענען נישט פערשעמט געוואָרען.

**ז.** און איך בין איין וואָרעם און נישט קיין מאַן, אַ לעסטע-רונג פון מענשען און אַ פערשעמטער אונטער פעלקער.

---

*) פון תהלים

ח. אַלע, וואָס זעהען מיך שפּעטען פון מיר, זיי עפענען זייערע ליפּצען און שאָקלען מיט׳ן קאָפּ:

ט. זאָל ער אויף גאָט זיין לאַסט אַרויפוואַרפען, זאָל ער איהם מאַכען אַנטרינען, זאָל ער איהם ראַטעווען, ווייל ער בעגערט איהם.

י. דען דו האָסט מיך אַרויסגעצויגען פון בויך, דו האָסט מיך געלאָזט זיכער ליגען ביי די ברוסטען פון מיין מוטער.

יא. אויף דיר בין איך געוואָרפען געוואָרען פון טראַכט, פון מיין מוטערס בויך ביזטו מיין גאָט.

יב. דערווייטער זיך נישט פון מיר, דען די אַנגסט איז נאָהנט און קיין העלפער איז נישטאָ.

יג. עס האָבען מיך אַרומגערינגעלט פיעל אָקסען, די שטאַרקע פון בשן האָבען מיך אַרומגעקרוינט.

יד. זיי האָבען אויף מיר אויפגעעפענט זייער מויל, ווי א לייב, וואָס פערצוקט און שרייט.

טו. ווי וואַסער בין איך צוגאָסען געוואָרען און אַלע מיינע ביינער זענען צושפּרייט געוואָרען, מיין האַרץ איז ווי וואַקס צורונען געוואָרען אין מיינע געדערים.

טז. מיין קראַפט איז ווי אַ שאַרבען אויסגעטריקענט געוואָרען און מיין צונג איז בעהעפט געוואָרען צו מיין גומען און צום ערד-שטויב פון טויט האָסטו מיך צוגעבראַכט.

יז. דען הינט האָבען מיך אַרומגערינגעלט, אַ מחנה פון שאַלקהאַפטיגע האָבען מיך ווי אַ לויב אומגעגעבען. מיינע הענד און פיס—

יח. אַלע מיינע ביינער צעהל איך; זיי שיסען צאָרן-בליקען אין מיר.—

יט. זיי צוטהיילען זיך מיט מיינע קליידער און אויף מיין אויבערקלייד וואַרפען זיי גורל —

כ. און דו, גאָט, דערווייטער זיך נישט. מיין שטאַרקער צו אייל צו מיין הילף.

כא. בעשירם פון שווערד מיין לייב, פונם הונט מיין איינזאַמע (נשמה).



כב. העלף מיר פונם לייב׳ס מויל, ווי דו האָסט מיך פון די הערנער פונם וויזעל-טהיר געענטפערט.

כג. איך וועל דיין נאָמען דערצעהלען פאַר מיינע ברידער, צווישען קהל וועל איך דיך לויבען.

כד. גאָטספאָרכטיגע לויבט איהם, אַלע יעקב׳ס קינדער עהרט איהם און ציטערט פאַר איהם אַלע קינדער פון ישראל.

כה. דען ער האָט נישט פעראַכטעט און נישט פעראומוויר-דיגט דעם פיין-געשריי פונ׳ם אָרעמאַן, ער האָט פון איהם זיין געזיכט נישט פערבאָרגען און ווען ער האָט צו איהם געשריען האָט ער צוגעהערט.

## ב.

# פון ברענענדיגען וועהטאָג. *)

א. געזאַנג פון דוד׳ן. צום געדענקען.

ב. גאָט, נישט מיט דיין צאָרן זאָלסטו מיך שטראָפען און נישט מיט דיין גרים זאָלסטו מיך ציכטיגען.

ג. דען דיינע פיילען זענען אין מיר געשליידערט און דיין האַנד לייגט זיך שווער אויף מיר.

ד. נישטאָ קיין גאַנץ אָרט אין מיין לייב איבער דיין צאָרן; נישטאָ קיין פרידען אין מיינע ביינער איבער מיין זינד.

ה. דען מיינע זינד זענען איבער מיין קאָפּ אַריבער, ווי אַ שווערע לאַסט דערדריקען זיי מיך.

ו. זיי זענען געאייטערט און צוגאַנגען מיינע וואונדען, איבער מיין דומהייט.

ז. איך בין געוואָרען געקרימט און טיעף געבויגט; אַ גאַנצען טאָג געה איך פערשוואַרצט אַרום.

ח. מיינע נירען זענען פול בראַנד און נישטאָ קיין גאַנץ אָרט אין מיין לייב.

---

*) פון דאָרט.

ט. איך בין אָבגעשוואַכט און צובראָכען ביז גאָר; איך ברעך אויס אין אַנגסט-געשריי.

י. אַך דו גאָט! פאַר דיר איז מיין גאַנצע גלוסטונג און מיין זיפץ איז פון דיר נישט פערבאָרגן.

יא. מיין האַרץ איז צודרעהט, מיין קראַפט פערלאָזט מיך און דעם ליכט פון מיינע אויגען פערמאָג איך אויך נישט.

יב. מיינע ליבהאָבער און פריינד שטעהן אַנטקעגן מיין וואונד און מיינע נאָהנטע האָבען זיך פון וויטען געשטעלט.

יג. און די, וואָס ווילען מיין לעבען אַוועקנעהמען לייגען מיר שטרויכלונגען, די, וואָס ווינשען מיר שלעכטס, ריידען שאַלקהאַפטיגקייט און פאַלשקייטען טראַכטען זיי אַ גאַנצען טאָג אויס.

יד. און איך בין ווי אַ טויבער, וואָס הערט נישט און ווי אַ שטומער, וואָס קאָן זיין מויל נישט עפענען.

טו. און איך בין ווי אַ מענש, וואָס פערשטעהט גאָר נישט און האָט אין מויל נישט קיין אָבענטפערונג.

טז. דען צו דיר, גאָט, טהו איך האָפען, ענטפער דו פאַר מיר, האַר מיינער, גאָט מיינער.

יח. דען איך האָב אַנגסט, זיי זאָלען זיך נישט פרייען איבער מיר, זיי זאָלען זיך נישט גרויסען, ווען מיינע פיס וועלען זיך אויסגליטשען.

יט. דען איך בין צום ליידען גרייט און מיין פּלאָג איז פאַר מיינע אויגען שטענדיג.

כ. דען מיין זינד זאָג איך אליין אַרויס, און מיין זינד שאַפט מיר זאָרג שטענדיג.

כא. און מיינע פיינד זענען גראָד שטאַרק מיט לעבען און זיי זענען פיעל מיינע אומזיסטע פיינד.

כב. די, וואָס צאָהלען אָב מיט בייז פאַר גוטס האָבען מיך פיינד פאַר מיין יאָגען זיך נאָך גוטס.

כג. פערלאָז מיך נישט: השם מיין גאָט, דערווייטער דיך נישט פון מיר.

כד. אייל צו העלפען מיר, גאָט פון מיין הילף!



ג.

# ווי אַ הינדין ביי וואַסער-שטראָמען *)

א. דעם זינגמייסטער. אַ געדיכט. פון קרח׳ס זיהן.

ב. ווי אַ הינדין לעכצט נאָך וואַסער-שטראָמען, אַזוי לעכצט מיין זעל צו דיר, גאָט.

ג. עס דורשט די נשמה מיינע צו גאָט, צום לעבעדיגען גאָט: ווען וועל איך קומען און ערשיינען פאַר גאָט׳ס געזיכט?

ד. מיין טרעהר איז געוואָרען מיין שפייז טאָג און נאַכט, ווען מען זאָגט צו מיר דעם גאַנצען טאָג: וואו איז דיין גאָט?

ה. דאָס דאָזיגע טהו איך געדענקען און מיין זעל אין מיר ווערט אויסגעגאָסען. ווען איך פלעג פאָהרען אין בעהאָנגענע וועגען, שפרינגענדיג צו גאָט׳ס הויז מיט אַ שטים פון געזאַנג און לויב פון אַ יום-טוב׳דיגען המון.

ו. וואָס בויגסטו זיך, נשמה מיינע, און וואָס יאָמערסטו? האָף צו גאָט, איך וועל איהם נאָך דאַנקען פאַר׳ן הילף פון זיין געזיכט.

ז. גאָט מיינער! עס בויגט זיך די נשמה מיינע, ווייל איך דערמאָהן זיך פון ירדנ׳ס לאַנד, פון חרמונ׳ס שפּיל און פונם קליינעם בערגעל.

ח. אָבגרונד צום אָבגרונד רופט מיט דער שטים פון דיינע וואַסער-פאַלען; אַלע דיינע בראָך-פאַליעס און אינדען זענען איבער מיר דורכגעלאָפען.

ט. ביי טאָג בעפעהלט גאָט זיין גנאָד איבער מיר און ביי נאַכט — זיין געזאַנג מיט מיר, אַ געבעט צום גאָט פון מיין לעבען.

י. איך זאָג צו מיין פעלז-פעסטען גאָט: וואָרום האָסטו מיך פערגעסען? וואָרום זאָל איך פערשוואַרצט אומגעהן געדרענגט פונ׳ם פיינד?

---

*) פון דאָרט.

יא. עס ווערט צושמעטערט מיין געביין, ווען מיינע בעליידיגער לעסטערן מיך דעם גאַנצען טאָג: וואו איז דיין גאָט?

יב. וואָס בויגסטו זיך, נשמה מיינע, און וואָס יאָמערסטו? האָף צו גאָט, דען איך וועל איהם נאָך לויבען. ער איז דאָס ליכט פון מיין פנים, מיין הילף, מיין גאָט.

## ד.

# אויף זיין אָנקומען *)

עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר, פאָטער אונזערער, קעניג אונזערער, פריינד אונזערער, ליכטיגקייט פון אונזער נפש, ליכטיגקייט פון אונזער רוח, ליכטיגקייט פון אונזער נשמה, אַז צוליב דעם בונד, וואָס דו האָסט געשלאָסען מיט אונז, דיינע קינדער, דיינע דינער, און צוליב די דרייצעהן מדות דיינע, וואָס קעהרען קיינמאָל ניט צוריק ליידיג פון דיר, זאָלסטו דערמאָהנען אונזער אַלטע ליבשאַפט, אונזער אַלטע געטריישאַפט און זאָלסט זיך מיט אונז פרייען ווי אין די גאָר, גאָר אַמאָליגע צייטען, אומקעהרענדיג די שכינה צוריק צו איהר אָרט.

מיר קאָנען דיין אָבשיידען זיך פון אונז נישט אַריבערטראָגען, ווי דער גוף קאָן נישט אַריבערטראָגען דאָס אָבשיידען זיך פון דער נשמה.

עס בענקען די גופים אונזערע און עס געהען אויס די נשמות אונזערע נאָך דער גאולה פון דיין שכינה.

מיר בעטען זיך פאַר דיר און מיר וויינען פאַר דיר, השם, דערבאַרעמדיגער פאָטער, דערבאַרעם זיך אויף דיין שכינה, וואָס איז אין גלות.

העלף, השם, דיין שכינה און בעהעפט אונזערע נשמות אין דיין ליבשאַפט, וואָס איז אַזוי זיס און טייער פאַר אונזערע נפשות, רוחות און נשמות און דער מלך אונזערער זאָל אין זיין פאַלאַץ אַריין, אָמן כן יהי רצון.

*) לויט א תפלה פונ׳ם „אור החיים“.



## ה.

# וואָס איז פונ׳ם אייביגען בוים געוואָרן...*)

...צי קאָן מען עס צעהלען, צי קאָן מען עס דערצעהלען, צי קאָן עס דער געדאַנק אויפפאַסען?...

דאָס האַרץ ווערט פערשטומט, ווען מען דערמאָהנט עס. ווען מיר וואָלטען דאָס אַלץ נישט איבערגעלעבט אויף אונזערע אייגענע לייבער, וואָלטען מיר געמיינט, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ משל...

ווי איז דאָס?

ווען מיר וואָלטען אפילו נישט געוועזט זיין די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, ווען מיר וואָלטען אפילו געוועזט זיין די ווילדסטע פון די ווילדע, די פרעמדסטע פון די פרעמדע, ווען דער כבוד פון ישראל׳ס גאָט וואָלט אויף אונז נישט ענטפלעקט ווערען און דאָס ליכט פון זיין תורה וואָלט אויף אונז נישט שיינען, וואָלט דען עמיצער געקאָנט גלויבען אַז אַזעלכעס זאָל מיט אונז געשעהן?...

און ווען מיר זענען נאָך דערצו יאָ קינדער פון אברהם, נאָכקומענשאַפט פון יצחק, שטאַם פון יעקב׳ן, זאָמען פון הייליגע, שורש פון אמת, — ווי אַזוי האָט מיט אונז געקענט געשעהן דאָס, וואָס איז געשעהן?

אַ בוים, וואָס ער איז פערפלאַנצט ביי טייכען, וואָס שטאַמען פון עדן, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכען אין די טיעפסטע טיפענישען און זיינע צווייגען פערשפרייטען זיך איבער אַלדי רוחות פון דער וועלט, — ווי אַזוי האָט גאָר עמיצער געקאָנט פון אָרט ריהרען איהם?

דאָס פאָלק, וועלכען ס׳איז ענטפלעקט געוואָרען די אייביגע ליבע, וועמען ס׳זענען געגעבען געוואָרען חוקים און משפטים, וואָס זענען קיין אַנדער פאָלק נישט געגעבען געוואָרען—

*) לויט איין אָרט אינ׳ם „נצח ישראל“, אין וועלכען דער גרויסער מהר״ל געהט מיטאַמאָל איבער פון רוהיגער בעטראַכטונג צו השתפכות און תפלה.

דאָס פאָלק, וואָס גאָט האָט מיט זיינע קליינע קינדער געערדט און פאַר זיינע דינסטען איז זיין כבוד ענטפלעקט געוואָרען—

דאָס פאָלק, וואָס צוליב איהם האָט דער גאָט, וואָס די הימלען זענען נישט לויטער אין זיינע אויגען און אין זיינע מלאכים זעהט ער פעהלערן, פערלאָזט זיין מרכבה און אראָבנידערענדיג פון די דורכגעלויכטענע חשמלים, האָט ער זיך, צום וואונדער פון גאָר דער וועלט, אויף דער ערד בעזעצט—

ווי אַזוי זענען אין זיין היליג הויז, אינ׳ם כסא-הכבוד, אינ׳ם העכסטען פון אַלע אייביגקייטען, אַריינגעגאַנגען טמאים? ווי אַזוי איז ער בעהערשט געוואָרען דורך ערלים? ווי אַזוי האָבען זיי זיינע אוצרות צורויבט און פרעמדע געטער אַוועקגעגעבען?

ווי אַזוי האָבען זיי די קדושי-עליון איינגעטיילט דינים: מלקות, גלות, הרג, שרפה?

און אוי, אוי וויפיעל צייטען! — אַז די טויב האָט קיין רוה נישט פאַר איהר פוס און אפילו אויף אַנ׳אדמה טמאה לאָזט מען איהר אויך נישט לאַנג שטעהן —

ס׳איז נישטאָ קיין פאָלק, וואָס האָט זיין יאָך אויף אונז נישט אַרויפגעלעגט; וואָס האָט אונז נישט געדריקט און נישט געשטיקט און ווען עס איז שוין מיט אונזער בלוט זאַט געוואָרען, האָט עס אונז פון זיין לאַנד נישט אויסגעשפיגען...

ווען גאָט וואָלט אַפילו בעשאַפען נייע הימלען און אַ נייע ערד וואָלט אַלץ נישט געוועזט זיין קיין לאַנד צו בעזעצען זיך און קיין אָרט צו רוהען פאַר די קינדער פונ׳ם לעבעדיגען גאָט...

מען טרייבט אונז שטענדיג: סורו טמא! ריהרט נישט אָן אין זיי! שאַפט פאַר זיי אַנדערע געזעצען!

די תורה פון משה גאָט׳ס קנעכט בעפעהלט גאָט׳ס קינדער אָנצוטהון אַ שענהייט׳ס - קרוין אויפ׳ן קאָפּ, געגען האַרצן דעם הייליגען חותם און אין זייערע קליידער די פאַרב פונ׳ם כסא - הכבוד, און היינט וויל מען אונז



אָנטהון אויף די קעפ פרעמדע היט, אויפ׳ן האַרצן—אַנ׳אַנדער חותם און אויף דעם אָרט פון כבוד-קלייד — געלע לאַטעס—

ווען אַלע טייכען וואָלטען געוועזט זיין טינט, אַלע שטעקעלעך — פעדערס, אַלע הימלען פאַרמעטען און אַלע מענשען — שרייבער, וואָלטען זיי נישט בעוויזען צו בעשרייבען אַלע צרות און אומגליקען אונזערע, וואָס געהען אַריבער יעדע נאַטור און יעדע וועלט-אָרדנונג.

און דו, השם אונזער גאָט, דו ביזט דאָך אונזער פאָטער און דיין גרויסער נאָמען איז דאָך גערופען אויף דיינע קינדער, — פאַרוואָס זאָל דיין הייליגער, פירכטליכער נאָמען פערשוועכט ווערען דורך דיינע קינדער, צו וועלכע מען טהוט אַזוי זאָגען: אויב איהר זענט קינדער פונ׳ם לעבעדיגען גאָט, פאַרוואָס פערהוילט ער זיינע אויגען פון אייך אַזוי פיעל יאָהרען און איהר ווערט תמיד געפיהרט ווי שאָף צו דער שחיטה—

אויב אונזערע עלטערן און מיר האָבען געזינדיגט, זענען מיר דאָך אין דיינע הענד, דו קענסט דאָך אונז מיט דיינע אייגענע הענד פון דער וועלט אומברענגען, — צו וואָס זאָלסטו אונז נאָך צו פרעמדע איבערגעבען און דערלאָזען, אַז דיין נאָמען זאָל דורך אונז פערשוועכט ווערען?

דעריבער איז אונזער תפלה פערשפרייט פאַר דיין כסא-הכבוד: דערבאַרעם זיך איבער אונז! ראַטעווע אונז פון פרעמדע הענד! לאָמיר חאָטש נישט זיין צו געלעכטער און ריידעריי צווישען פעלקער!

ו.

## „ידיד נפש" *)

שענהייטס-קעניג, וועלטען-פראַכט,
געזאַנג פון טאָג, טרוים פון נאַכט,
איך דורשט צו דיר, איך לעכץ נאָך דיר:
לאָז מיך שטעהן ביי דיין היכל'ס טהיר.

מיין נשמה איז פון דיין ליעבע קראַנק,
טראָג איהר צו דיין הייל-געטראַנק.
ציה צו דיין קנעכט צו דיין ווילען,
זאָל ער אין דיר זיין וועהטאָג שטילען.

מיינער אין פרייד, מיינער אין לייד!
לאָז מיך קושען די זוים פון דיין קלייד.
לאָז מיך פאַר דיין מרכבה בוקען
לאָז מיך אין דיין תפארת קוקען.

האָר דו מיין, פאָטער דו מיין,
ווי קאָן איך אָהן דיר זיין?
זעה נאָר זעה, דיין עלענד קינד,
קום נאָר קום, ערשיין געשווינד,

לאָז דער ערד דיין בשורה אָנזאָגען:
עס איז שוין די שעה געשלאָגען.
עס וועט פערשפרייט ווערען אַ פריד-געצעלט,
גאָט'ס כבוד וועט דורכבליצען די וועלט.

*) פרייע איבערדיכטונג; ריטם און קלאנג ווי אויך איניגע בילדער דורכ־
אויס אייגענע.



ז.

## די מוטער *)

וואוהין איז דיין פריינד געגאַנגען?
איז ע' אין הימעל פערשוואונדען?
ער אי. אין גלות געפאַנגען,
ער איז אין קייטען געבונדען.

זיין קרוין — נידערגעפאַלען,
זיין פורפור-קלייד — צוריסען.
פון זיינע פאַלאַצען — שטאַלען...
זיין מחנה—פון שלאַנגען צוביסען.

עס הויכט אַ קול איבער וועלדער:
עס קלאָגען מלאכים ביטער.
עס בלאָנקען שעפעלעך איבער פעלדער:
וואו איז דער היטער, דער היטער?

די שכינה וואָס זאָגט?
אוי מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!
און ער וואָס זאָגט:
כ'געה אַראָב, כ'געה אַראָב!

איך געה מיט מיינע קינדער
אין גלות, אין פינסטערן.
איך געה מיט די זינדער,
זייערע וועהטאָגען צו לינדערן.

*) לויט איניגע סטראָפען אין רבי משה אלשיכ'ס חצות-ליד. פרייע איבער־
דיכטונג. ריטם און קלאנג, ווי אויך איניגע בילדער, — אינגאַנצען אייגענע

קליידט אייך אָהן אין שוואַרצען, אין זעק,
לויפט איבער גאַסען, איבער מערק:
פאָטער, פאָטער! וואָס טהוסטו!
מוטער, מוטער! וואו ביזטו?

איך בין מיט אייך, מיט אייך!
איך בין מיט אייך אין עלענד גלייך.
איבער אייער זינד איז די מוטער פערשיקט.
איבער אייער זינד איז איהר שטים פערשטיקט...



ח.

## „מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי?“

ווענד, ווענד, ווענד,
אַלץ פערשטעלט פערבלענדט.
קעלט, קעלט, קעלט!
וואו בין איך אין דער וועלט?

נישטאָ קיין וועג נישטאָ קיין שטעג,
נישטאָ קיין נעכט, נישטאָ קיין טעג,
נישטאָ קיין ערד, נישטאָ קיין הימעל,
אַלץ נאָר וויסט, אַלץ נאָר שימעל.

מיר לויפען אַרום מיעדע, מאַטע:
וואו ביזטו קעניג וואו ביזטו טאַטע?
וואו האָסטו זיך בעהאַלטען, פערבאָרגען?
הערסטו נישט אונזערע וועהען, זאָרגען?

אַלץ אַרום—טויבע פינסטערניש,
אַלץ אַרום—בייזע דריקעניש,
ווי געהט מען צו דיר?
ווי קומט מען צו דיר?